№ 42 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem · ניינטער יאָהרגאַנג. · פּרייז 20 גראשען · CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר א מילימעטער שורה
פּערט'ן זייטע 40 גראָשען · גאַנ'ץ זייטע 25 גראָשען
אין טעקסט 80 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט חאָלט 8 אנאָנסען שפּאַלטען.
פאַר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. נישט פאַראַנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
א נומער 30 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Poniedziałek dnia 6 października 1930 · מאָנטאָג ערב סוכות י״ד תשרי תרצ״א

ושמחת בחגיך!

ווילסטו האָבען פריילעכע
ימים טובים?
פערגעס נישט, אז עס איז שוין דאָ די:
22-סטע מלוכה לאָטעריע
אין קאַנטאָר פון
J. WEKSLER
I-sza ALEJA 6.
יעדער צווייטער לאָס
געווינט!

דאָס גרעסטע געווינס איז:
1,000,000 זל.
א מיליאָן זלאָטעס
אויסערדעם וועלען פאַרהאַנען
פאָלגענדע געווינסען:
400.000
300.000
200.000
100.000
75.000
50.000
25.000
10.000
און נאָך פיעל קלענערע געווינסען.
דער פּרייז:

1	1/2	1/4
40 זל.	20 זל.	10 זל.

זייף

עס איז שווער א בטוואָס-
טע זאָגן, אז די איינציגע

וואָס איז אנערקענט געוואָרען פון דער גאַנצער קונדשאַפט אלס
די בעסטע וואָס וואַשט ריין און ברענגט נישט קיין שאָדען
דער וועש, איז די זייף פון דער לאַנג-יעהריגער בעקאַנטער פירמע

DZIUBAS i FISZEL
SP. AKC.

מיר רעקאָמענדירען דער קונדש, וויטער אונזערע אויסארבייטונגען
מיט אכטונג
Częst. Fabryka Mydła
DZIUBAS i FISZEL
Spółka Akcyjna.

אכטונג מאַנופאַקטור - סוחרים!

איך האָב בעקומען אויף קאָמיסיאָן פערשידענע מאַנופאַקטור-
סחורות און בין פערזעהען צום סעזאָן מיט פערשידענע סאַמעטן
פּאַרמעס, פלאַנעלען, מעטעלאַסע, טיכער, קאָלדרעס.
פערשידענע ווייס-וואַרען און נאָך פערשידענע אנדערע ארטיקלען.
כ׳פּערקוית בילינ.
ה. סטאָפּניצער
אלעע 6, צווייטער הויף

צענטראַלער יודישער האַנדווערקער-פערבאַנד אין פוילען, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.
דאָנערשטאָג, דעם 9 אָקטאָבער 6 א זייגער אָווענד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אלעע 40
די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג
מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּרעזידיום, 3) טעטיגקייטס און קאַסע-בעריכט, 4) בודזשעט
אויפ׳ן יאָהר 1930|31, 5) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 6) פרייע פאָרשלאַגען.
אויב די פערזאַמלונג וועט אין ערשטען טערמין נישט קענען צושטאַנד קומען צוליב דער קליינער צאָהל אנוועזענדע מיטגלידער, קומט זי פאָר
דעם זעלבען טאָג 7 אזייגער אין צווייטען טערמין, אונאָבהענגיג פון דער צאָהל אנוועזענדע.
די פערוואַלטונג פון צענטראַלען האַנדווערקער-פערבאַנד
אין פוילען, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

דער נעכסטער נומער
ערשיינט מאָנטאָג, הושענא-רבה.

א גוט יום טוב
אין צענטרום שטאָדט
צו פערדינגען
ערקונדיגען אין רעדאַקציע.

צום ווינטער - סעזאָן 1930-31!
איז דאָס פוטער-געשעפט
פון מיכאל איידעלמאַן
פּילסודסקי 5 פראָנט, ערשטער שטאָק, טעל. 305
איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואַהל פון אלעראַרט פוטער - סחורות
און איינצעלנע פעל, בלאַטען.
פערטיגע דאַמען און מענער-פעלצען.
אין מיין ערשטקלאַסיגע קירזשנער-ווערקשטעט ווערען אויסגע-
פערטיגט אלערליי בעשטעלונגען, שנעל רעעל, לויט די נייעסטע מאָדען,
אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.
די ה״ה שניידער און קירזשנער בעקומען א ספעציעלען ראַבאַט.

H. Stobiecki i B. Kromołowski
CZĘSTOCHOWA, Spadek 17, telefonu № 202.
Hurtownia żelaza i metali
poleca po cenach konkurencyjnych:
Rury i kształtki kanalizacyjne (B-ci Kanczewskich S.A.)
Rury gazowe cynkowane, czarne i kotłowe,
Sanitarja żelazne, emaljowane, porcelanowe i wanny żelazne-emaljowane, Piece kąpielowe, pierwszorzędnych firm.
Łączniki do rur gazowych, Armatura do wody i pary, Belki żelazne i szyny budowlane, Drut Kolczasty i Betonowy, Szyny wąskotorowe i t. p., Ołów, cynk i metal biały.

Z dniem 15 b. m. zostaje otwarty
KOMPLET POOBIEDNI
od 3-ej do 6 ej
dla dzieci w wieku przedszkolnym
pod kierown. wykwalifikowanych sił.
Zapisy w lokalu Ochrony przy ulicy Przemysłowej № 11.
ILOŚĆ DZIECI OGRANICZONA.
Ceny bardzo przystępne.

פּילסודסקי 9 אין הויף.
פוטער
יעדער ווייסט, אז די ביליגסטע און רעעלסטע קוועלע פון אלערליי וואַרען
געפינט זיך אין דער לאַנגיעהריגער פירמע געברידער
סטרזיגלאָווסקי און בערהאָוויטש
וועלכע איז פערזעהען אויף דעם סעזאָן מיט א גרויסען אויסוואַהל פון
פערשידענע פוטער, ווי: פּאָקען, ביברעטען, פּלאַטינען, אָפּאָסען,
סקאָנקסען, פישטשאַניקעס, ושרעבאַקעס, קאַראַקולען שוואַרצע און גרויע
פּלאַטען, חירעס, ביברעטען, דובלינעס, ווייסע פעל און אנדערע.
עס ווערען אויך אָנגענומען אלערליי קירזשנער-ארבייטען
עס ווערט פערקויפט אין דעטייל צו הורט - פּרייזען!
שניידערס און קירזנער׳ס בעקומען עקסטרא ראַבאַטען!
קומט און איבערציינט אייך!
ביז-יעצט איז דאָס דעטייל-געשעפט געווען אויף פּילסודסקי 1 און יעצט איבערגע-
טראָגען געוואָרען אויף פּילסודסקי 9 אין הויף.
פּילסודסקי 9 אין הויף

קראַנקע אויף לונגען
פרעגט אייער דאָקטאָר, און דער וועט אייך בעשטעטיגען,
אז פון סוכאָטעס שטאַרבען מענשען מעהר ווי פון אנדערע
קראַנקהייטען. דעריבער יעדער וואָס לײַדט אויף הוסט,
בראָנכיט, כריפּקע, לונגען - בעפּלעגונג און
קאָקלוש דאַרף בעלד זיך נעמען צו היילען. א גוט
מיטעל אויף לונגען - קראַנקהייטען איז דער פּרעפּאַראַט
FAGOSOL
ביים בענוצען FAGOSOL פערשטאַרקט זיך דער אפּעטיט
FAGOSOL
בעקומט מען אין אלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס.
Skł. gł. Apteka H. ROSENSTADTA,
Warszawa, Pl. Grzybowski 10.

דאָס פוטער-געשעפט פון די פירמא
פיק און זשעלינסקי
טשענסטאָכאָוו, 1 אלעע 3
פראָנט ערשטער שטאָק
איז פערזעהען צום קומענדען סעזאָן מיט א גרויסען אויסוואַהל פון
אלערליי פוטער-סחורות, ווי פערשידענע פעל, בלאַטען, קעלנער
פעלצלעך אויך פערטיגע, בעשטעלטע דאַמען און הערען-פוטערס א.א.וו.
ביליגע פרייזען! — — רעעלע בעהאַנדלונג!
בעקוועמע בעדינונגען!
קומט און איבערציינגט אייך!
בעמערקונג: פאַר די ה״ה שניידערס און קירזשנערס — א ספעציעלען ראַבאַט.

אכטונג
שיך און גאַלאַנ-
טעריע - סוחרים!
צום קומענדען ווינטער-סעזאָן בעזיצען מיר אויפ׳ן לאַגער
א גרויסען אויסוואַהל פון
קאַמעל-שיך (באָמבאָשעס)
אלע סאָרטען פון קלענסטען ביז׳ן גרעסטען נומער.
צום שול-יאָהר צו בעקומען סקאָק-גימנאַסטיק-לאַטשען.
קומט און איבערציינט אייך! ביליגער ווי איבעראַל!
מיט אכטונג
קאָאָפּעראַטיוו „אָבוביט"
נייער מארק 2. טעל. 860

גוזה הנני מביע את רגשי השתתפותי החמה בצערו
של חברי דניאל יאזומבק למות עליו
אמו.
בעבודתך המוריה לטובת ארצנו ועמנו תנוחם.
אברהם חיים שיפר.

כוס תנחומין.

בזה הננו מביעים את רגשי השתתפותנו בצערו של חברנו
דניאל יאזומבק, ראש-חקן של הסתדרותנו, למות עלי אמו
לאה יאזומבק נ. ע.
בהתגשמות שאיפותנו-שאיפותיו ימצא נחומים.
הסתדרות „גורדוניה", פלוגת „מחצבה" בצ׳נסטוכובה.

עס דארף ארגאניזירט ווערען.

וועגען ארץ-ישראל אתרוגים.

עס איז ביי אונז שוין מיט א יעהרליכע טראדיציע, אז ווען עס קומט דער יום-טוב סוכות און יודען ווענען מקיים אויך די מצוה פון אתרוג, וועלען מיר דערמאנען וועגען דעם חיוב וואס ליגט אויף אלע יודען צו בענוצען נאר אתרוגים פון ארץ-ישראל.

עס איז געוויס איבעריג צו מידערהאלען און דערמאנען די אלטע ארגומענטען און מאטיווען וועלכע ווענען שוין הונדערטער מאל בעטאנט און אויסגעקלערט געווארען. עס איז איבעריג צו זאגען, אז ביי קיין שום אומה ולשון, ביי קיין שום פאלק וואלט מען וועגען אזא ערט זאך נישט געדארפט קיין צוויי מאל רעדען, יעדער וואלט דאס גענומען אלס א עלעמענטארען פליכט וועגען וועלכען עס קען כלל קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, אבער מיר, דאס פאלק ישראל, ווענען דאך אזוי אויסטערליש אין אונזערע אלע ערגאנגישען, מיר ווענען דאך אזוי פערקריפעלט אין אונזער גלות-פסיכאלאגיע, אז עס קומט אונז גאנץ אפט אויס צו פיהרען לאנגע דיסקוסיעס און וויכוחים כדי אויפצוווייזען אז צוויי מאל צוויי איז פיער.

מיר האלטען אבער, אז איצט איז די זאך אנדערש, ווארום אויב עס האבען זיך מיט עטליכע צעהנדליגג יאהר צוריק געפונען און נאר א גרויסער צאהל, פועלכע יודען, און וואנער רבנים האבען זיך ארויסגעזאגט געגען די א"י אתרוגים, וועלכע האבען פערשטאנען אז יודען דארפען יעדעס יאהר מיטקנעבען זעקס מיליאנען די גרעקען אדער אנדערע פעלקער, האבען זיך פערנומען מיט אתרוגים-פלאנצונגען ספעציעל פאר יודען, און נישט וועהען אז די גרויסע סומעס וואלטען ארײַנקומען אין אונזער לאנד, איז דאס געוועזען דאן ווען דער געדאנק וועגען ארץ-ישראל איז נאך געווען פרעמד די ברייטסטע יודישע פאלקס-מאסען, ווען דער אויפבוי פון ארץ-ישראל האט נאכנישט אזוי שטארק פעראינטערעסירט די ברייטע שיכטען פון יודישען פאלק.

איצט האט זיך די לאגע קאלאסאל געענדערט. מען ברויך שוין היינט נישט מעהר צו אגיטירען דעם יוד וואס קויפט זיך א אתרוג, אז ער זאל קויפען א ארץ-ישראל'דיגען, די ליעבע צו א"י, דער שטארקער ווילען וואס די יודען צו אלע זייערע שיכטען און ריכטונגען האבען ארויס מיטמיטלען צום אויפבוי פון ארץ-ישראל, איז שוין מעהר אויפגעמוטערט אין אלע יודישע הערצער, אז יעדער וויל מיט'ן גאנצען הארצען קויפען נאר א ארץ-ישראל'דיגען אתרוג.

זעלבסטפערשטענדליך געפונען זיך נאך פערקריפעלטע נשמות, צווישען אונזערע יודען וועלכע וועהען נאך אלס נישט ווײַטער פון זייערע ד' אמות, און זוכען ווײַטער אתרוגים פון קארפו און אנדערע אבי נישט פון א"י, אבער פון קיין ווילדע מענשען רעדט מען דאך נישט, וועלען זיי זיך נעהמען ווײַטער קרומען וועג און דאס יודישע פאלק מעט זיך מיט זיי נישט רעכענען, וואל דער רוב, די גרעסטע מעהרהייט פון יודישען פאלק איז הוי נעזונט בײַם קלארען פערשטאנד און פערשטעהט זײַן עלעמענטארען פליכט.

אויב מיר ווילען רעדען וועגען ארץ-ישראל אתרוגים איז דאס נאר פון א גאנץ אנדערער זײַט, און דאס אז באמת ווענען קיין ארץ-ישראל אתרוגים נישט פערהאן אויפ'ן מארק און אויב מען זעהט זיי איז דאס אין קליינע מענגעס וועלכע קענען בשום אופן נישט דעקען דעם גרויסען געברויך אויף אתרוגים וואס מען זעהט אויפ'ן מארק.

די אתרוגים-פלאנצונג און א"י איז נישט גענוג ענטוויקעלט אין אזא פארם אז זי זאל קענען דעקען דעם געברויך. דער עקספארט פון די א"י אתרוגים נאך חוץ-לארץ און דער פערקויף איז בכלל נישט ארגאניזירט, דאס איז עפּיס דערט חו א צופעליגע זאך, א קלײַניגקײַט וועלכעס מען דארף זיך דערמיט נישט ערנסט פערנעמען, און די א"י-אתרוגים וואס בעקומען זיך בײַ אונז אין פוילען זענען כמעט אויסשליסליך אזעלכע וואס פריוואטע מענשען וואס האבען אין א"י שיקען צו זייערע פאמיליעס אהער, אבער זיי שיקען עטליכע אתרוגים צום פערקויפען.

אויב מען וויל אז דאס יודישע פאלק זאל בענוצען נאר אתרוגים פון א"י און מען מיינט דערמיט צו פערגרעסערן די הכנסות און צו פערשטערקען דעם אויפבוי-ארבייט, מוז געלעגט ווערען דער געהעריגער אכט אויף די אתרוגים-פלאנצונגען אין א"י, טראץ דעם וואס דערהאַל ברענגען זיי נישט קיין גרויסע הכנסה ווי פאמעראנצען-פרדסים, מוז מען פערט אזעלכע אתרוגים-פרדסים שאפען, און זיך בעמיהען אז זיי זאלען ארויסגעבען א גרעסערע צאהל אתרוגים, דאן מוז ווערען אהערגעשטעלט די נויטיגע ארגאניזאציע, וועלכע זאל ארגאניזירען דעם אתרוגים-עקספארט און דעם פערקויף אין אלע גלות-לענדער. עס מוז אויך געגרינדעט ווערען דערפאר אז די א"י אתרוגים זאלען זיין קאנקורענץ-פעהיג געגען אנדערע אתרוגים, דאן מוז מען זיך פערבינדען מיט די שטענדיגע אתרוגים-סוחרים, וועלכע האבען א גרויסע פראקטיק אויף דעם געביט. און ערשט דאן ווען אלע וועט זיין גוט ארגאניזירט, ווען א"י אתרוגים וועלען זיין גענוג צו דעקען דעם געברויך, און די פרייזען וועלען זיין צוגענגליך, וועט מען קענען קומען צו די יודען און פאדערען פון זיי נישט צו קויפען קיין אנדערע אתרוגים, נאר „אונזערע“.

מיר האלטען, אז דאמאלס וועט זיך קיין יוד נישט אויסשליסען פון צו קויפען א"י אתרוגים און בעזונדער וועלען אונזערע רבנים דאן קענען ארויסגעבען א אויפרוף, אז מען איז נישט יוצא מיט דער מצות אתרוג, נאר מיט „אונזערע“ אתרוגים.

דער פערקויף פון א"י אתרוגים מוז מען געהעריג ארגאניזירט ווערען, עס דארף זיין די ארגאניזאציע וועלכע זאל זיך מיט דעם פערנעמען, מעגליך דארף דאס טהון דער „מזרח“, אין א"י זאל ער זיך פערנעמען מיט'ן פערגרעסערן די אתרוגים-פלאנצונגען, און אין די גלות-לענדער זאל דער „מזרחי“ ארגאניזירען דעם פערקויף און זעהען אז יעדער יודישער קונה זאל האבען די מעגליכקייט צו בענוצען נאר אתרוגים פון ארץ-ישראל.

י. פ.

י. מ. זילבערבערג.

צו וואסערע פעראייניגונג מיר דארפען שטרעבען.

די פרעגע וועגען שלוסען א אלגעמיינעם יודישען בלאק, שטעלט זיך, לויט מיין מיינונג, פאר אזוי:

אויב מען קען נישט אדער מען וויל נישט געהן מיט די נאציאנאלע מינדערהייטען איז שוין אויסגעשלאסען אז מיר וועלען קענען האבען און נעמען מיט א געוויסער צאהל דעפוטאטען וועלכע וועלען האבען א פראגראם און די פערשיעדענע קאמפאניעס און זייער שטימען זאל רעגירען ביי געהמען פראגען, און דערפאר, אויב מיר קענען נישט האבען דאס קאנצענט, אויב מיר קענען נישט אהערשטעלען דעם כמות זאל מען זיך וועגען'ם בעמיהען צו האבען דעם איכות — דעם קאפאליטעט. דאס הייסט אז די קליינע צאהל דעפוטאטען וואס עס וועט אונז געלונגען ארײַנצופיהרען אין סיים זאלען זיין אויסגעהערטע פאליטיש-אויסגעהאלטענע מענשען, און נאר צו דעם דארפען זיך אלע פעראייניגען, כדי מיט פעראייניגטע כחות צו קענען האבען וואס מעהר און וואס בעסערע דעפוטאטען. און געפאדערט דאס אין פאקט איז גאנץ פערשטענדליך אז אין ריכטונג דארף וועגען דאס רעכט צו קארעגירען די קאנדידאטען, וואס עס שטעלען ארויס די צווייטע ריכטונג.

דאס וועהען א דעפוטאט מעהר נישט אונז נישט זיין גוט פון „חוקה“, אז דער וואס איז געווען א דעפוטאט מוז דאס ווייטער זיין, אדער אז יעדע פארטיי וואס פעראייניגט זיך זאל דווקא ארויסשטעלען איהרע מענשען. טראץ דעם וואס זי האט נישט קיין פעהיגע און פאסיגע, דאס מאל נישט זיין קיין כיבודים, מען וועלכע מען מילט זיך איבער, ווארום אויב ס'איז שוין פערחנעגן דער פעהלער וואס מען מוז וועהלען און שטימען אויף גאנצע ליסטעס און דער וועהלער האט נישט די מעגליכקייט זיך ארויסצוזוכען וועגען יעדען קאנדידאט בעזונדער, זאל כאטש געגעבען ווערען די מעגליכקייט און רופונג צו קאנטראלירען די קאנדידאטען פון דער צווייטער, און דאס דארף בשום אופן נישט זיין קיין שטערונג צום פעראייניגען זיך.

וועגען דער עצם זאך פון שלוסען א פעראייניגטען אלגעמיין - יודישען וועהל-בלאק, קענען נעהמים קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, ווארום בעת די נישט-יודישע פארטייען נעהען כמעט פעראייניגט און שטעלען זיך אין צוויי בלאקען פון לינקס און רעכטס, איז געוויס אומבעדינגט נויטהוענדיג אז מיר יודען זאלען זיך וועגען צווישען זיך פעראייניגען, כדי אונזערע שטימען זאלען נישט פערלוירען געהן, און מיר זאלען קענען ארײַנפיהרען וואס א גרעסערע צאהל פערשטעהער.

אונבעדינגט איז די פעראייניגונג יעהר חיוביג צוליעב דעם וואס עס הערשט א גרויסע מיינונגס-פערשידענהייט וועגען דער צאהל דעפוטאטען וואס א פעראייניגטער יודישער בלאק וועט נעקענט ארײַנפיהרען אין סיים לויט דער איצטיגער וואהל-ארדנונג א וועלכע לוטאסלאווסקי האט אזוי צוגעשניטען, וועט דורכדעם געוויס גענען זעהר וויכטיג דאס איינמאל פעסטצושטעלען און צו זעהען וויפיל מאנדאטען מיר קענען מיט אונזערע פעראייניגטע שטימען ארײַנפיהרען, ווארום די עקזיסטענץ און לעבענס-פעהיגקייט פון קינסטליכען סעם שטעהט אזוי ווי אזוי אונטער א גרויסען פראגע-צייכען, וועלען מיר וועניגסטענס אויסנוצען די איצטיגע וואהלען כדי איינמאל פאר אלע מאל צו קענען פעסטשטעלען וויפיל דעפוטאטען מיר קענען בכח ארײַנצופיהרען ביי א אלגעמיינער פעראייניגונג, און וועלען מיר און דער צוקונפט נישט דארפען אונטער דעם צו רעכנען, און דאס אליין וואס דאס וועט קלאר ווערען, וועט פאר אונז האבען א זעהר וויכטיגע בעדייטונג.

דאבע מער מען אבער פאר קיין מאל נישט ענגווען פעראייניגונג בלויז דעם וואס מען שטעלט ארויס אויף אין ליסטע קאנדידאטען פון פערשידענע פארטייען און ריכטונגען, פעראייניגונג קען הייסען נאר דאן ווען אלע קאנדידאטען וואס פיגורירען אויף א פעראייניגטער ליסטע, וועלען זיין פעראייניגט אין איין פראגראם, וועלכער זאל בעשטעהן בעיקר אין'ם שטרעבען מיט פעראייניגטע כחות אויסצוקעמפען פאר אונז יודען אין פוילען די פאקטישע גלייכבערעכטיגונג וועלכע זאל אפגעפיהרט ווערען אין לעבען.

איך וויל נאך אנמערקען אויף דער שטרויבלונגען וואס לויפט אין דעם וואס מען וויל פון דער נישט-יודישער זייט אונז אנמערקען אז אויב מיר וועלען נישט געהן אויף איין ליסטע, נאר די יודישע שטימען וועלען צושפּליטערט ווערען און מיר וועלען אין א וועלכען ס'איז וואהל-קרייז נישט קענען ארויספיהרען קיין יודישען דעפוטאט, זאל מען שטימען פאר דער אדער יענער נישט-יודישער ליסטע, דאס הייסט אז מיר זעלבסט זאלען זיך ארגאניזירען און דעם קאמף וואס עס פיהרען צווישען זיך די נישט-יודישע בעקעמפענגער צדדים, וועלכעס איז פאר אונז זעהר און זעהר נישט געוואונשען.

דאריבער ווילען מיר האפען אז ווענער אין לעצטען מאמענט וועט נאך ווענען דער געזונדער יודישער געדאנק, און עס וועט צושטאנד קומען א פעראייניגונג פון אלע יודישע כחות, א פעראייניגונג וועלכע זאל עהרליך און אויפריכטיג קעמפען פאר'ן אויסבעסערען די יודישע לאגע, וועלכע זאל פיהרען איהר געמיינזאמע ארבייט כאיש אחד, בלב אחד, לטובת די אינטערעסען פון די יודישע בירגער אין דער פוילישער רעפובליק.

(11 דער פאלשער ברודער.

אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 16-טען יאהר-הונדערט, די צייט פון דרייסיג יעהריגען קריעג.

פריי פון העברעאישען דורך: י. גאלדזאהן

(פארטזעצונג)

דאס קינד איז פאר דעם מערדער געשטאנען אין דער גרעסטער ציטערניש, מען האט געקענט פון ווייטען הערען ווי זיין יונג הארץ האט הילפלאז געקלאפט, און דער מערדער האט איהם בעטראכט פון קאפ ביז פיס.

אבער וואונדערבאר, פלוצים האט עפּיס א געפיליכער פונק אנגעהויבען זיך בעוועגען אין דעם פערבארגענעם הארץ פון'ם מערדער, דאס נאיווע קינדישע פנים, די לויכטיגע אויגען און זיין גאנצע ערליכע געשטאלט, האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף דעם מערדער, וועלכער האט נישט הילעגדיג צוריקגעצויגען די אויסגעשטרעקטע שווערד, און מיט א רוהיגען טאן, ווי געבעטען, האט ער געזאגט צום קינד:

ניין, איך וועל דיך נישט שלאגען, איך וועל דיר קיין גרויסע יסורים נישט פערשאפען, איך מוז דיך דערהרג'נען, איך מוז דאס טהון, איך בין געצוואונגען דערצו, אבער איך האב אויף דיר רחמנות וועל איך דיר צייט געבען אז דו וועלסט בעטען גאט, בעטער די שטערבסט, די קענסט בעטען גאט?

יא, איך קען גאט בעטען, די מוטער האט מיך דאס געלערנט — האט דאס קינד וויינענדיג געזאגט — אבער צו וואס וועלסטו מיך הרג'נען? וואס האב איך דיר געטהון? לאז מיך לעבען צוליעב מיין מוטער, וועלכע וועט קיינמאל נישט אויפהערען צו וויינען איבער מיין יונגען טויט, גוטער מענש, לאז מיך לעבען און איך וועל דיר אפשענקען אלע מיינע זאכען וואס איך האב געקריגען אלס מתנות, מיין קליין שווערדיל, אלעס, אלעס וועל איך דיר גערן אפשענקען, נאר לאז מיך לעבען.

דער אויסראוף האט נישט געקענט פערנעמען דאס געבעט פון'ם קינד, און ער האט אפגעקערט זיין פנים פון איהם, אבער דער פונק פון רחמנות איז באלד אין איהם אויסגעלאשען געווארען און מיט א שטרענגע שטימע האט ער צו איהם געזאגט:

דיינע טרערען ווענען אומזינסט, דו מוזט שטארבען און אויב איך האב דיר צייט געגעבען צו בעטען צו גאט, טהו דאס האס שנעלער, ווארום איך האב שוין נישט קיין געדולד.

נו, יא, אויב ס'איז פערפאלען וועל איך גאט בעטען אדער איך שטארב, אבער אויך פאר דיר בייזער מענש, וועל איך בעטען צו גאט, ווייל מיין מוטער האט מיך געלערנט אז אויך פאר די וואס טהוען אונז שלעכטס מוז מען גאט בעטען! אבער פארוואס וועלסטו טהון אזא גרויסע זינד צו הרג'נען א אונשולדיג קינד?

א שטורקער קאמף איז פארגעקומען ביים מערדער טיעף אין הארץ, אבער עס האט געזיגט דער מערדערישער אינסטינקט, ער האט ארויסגעצאפט די שווערד און געזאגט:

דו בעטסט צו גאט אבער נישט? נארישער יונג, איך קען מעהר דיינע נארישע רייד נישט אויסהערען, און איך שטעק אייך ארײַן מיין שווערד אין דיין הארץ.

דאס קינד איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד, ארומגעכאפט דעם מערדער'ס פיס און אונאויפהערליך געקושט, וויינענדיג אין דעם גרעסטען יאמער:

דערבארים זיך איבער מיר, איך בין נאך אזוי יונג, כ'האב נאך גארנישט געלעבט אויף דער וועלט, דערמאן זיך ווען דו וועלסט האבען אזא קליין יונגעל, און א פרעמדער מענש וועט איהם וועלען דערהרג'נען, וואס וועלסטו געזאגט?

דער מערדער האט ארויסגעכאפט זיין שווערד, און זי צוגעשטעלט צום הארצען פון קינד וויינענדיג:

איצט איז דיין לעצטע מינוט, איך ווארט נישט מעהר קיין מינוט, ווייל איך האב שוין נישט קיין געדולד.

דערוועהענדיג די בלאנקע שווערד אויסגעשטרעקט געגען זיין הארץ, האט דאס קינד זיך איבערגעקוקט, אויפגעשטעלט און א ווינקעל, און מיט די ביטערסטע טרעהרען האט ער געזאגט א געבעט צו גאט:

האב רחמנות אויף מיר גרויסער גאט פון ישראל, איך בין דא אליין אהן מיין פאטער, און מיין מוטער, א שרעקליכער מענש איז אויף מיר אנגעפאלען און ווילט מיך דערהרג'נען, איך ווייס אז איך וועל זיין ביי דיר אין הימעל, אבער מיין ליעבע מוטער וועט דאס נישט איבערהאלטען, נעם מיין מוטער אויך ארויף צו דיר אין הימעל ארײַן, און זאל זי נישט בלייבען דא אויף דער זינדיגער ערד, ביי מיין שלעכטען פאטער, גרויסער גאט, אבער דו וועלסט איבערקעהרען דאס הארץ פון דעם דאזיגען מענש אז ער זאל מיך לאזען לעבען, אבער דו וועלסט מיין ליעבע מוטער אויך נעמען מיט מיר צוזאמען אין הימעל ארײַן.

אזוי האט דער קליינער געבעטען הערצער וועלכע וואלטען געקענט שטיינער צושמעלצען, און ווירקליך האבען זיינע הערצער ענדליך אויך געריהרט דאס הארץ פון דעם שרעקליכען מערדער, וועלכער איז געשטאנען און אויסגעהערט זיינע הערצער ציטערענדיג מיט אלע גלידער.

ווען דאס קינד האט פערענדיגט זיין געבעט איז ער צוגעגאנגען צום מערדער און געזאגט:

איצט בין איך גרייט, דו קענסט מיך שוין דערשטעכען, איך האב זיך מיט'ן ליעבען גאט אראפגעזעגענט, ער וועט מיין ליעבע מוטער אויך שיקען צו מיר אהין אין הימעל ארײַן, מיר וועלען זיין צוזאמען, עס וועט זיין גוט, זעהר גוט, אבער וואס שטעהסטו מענש, נעם דיין שווערד, און מאך א ענדע, פאר'ן מהך נישט מעהר, איך בין גרייט.

אזוי האט דאס קינד גערעדט מיט פייער נישט וויסענדיג אז דער מערדער שטעהט אונבעוועגלעך, און ריהרט זיך נישט פון ארט, ערשט ווען ער האט אויסגעהערט צו רעדען האט ער בעמערקט די ענדערונג וואס קומט פאר ביי מענשע'ן, דאס קינד האט אויך בעמערקט ווי די שווערד ליגט אויף דער ערד, ער האט זי אויפגעהויבען און בעטראכט, דאן האט ער ווייטער געזאגט:

אה, ס'איז גוט, די שווערד, ווער איך, איז זעהר שארף, און דער פאטער האט מיר געזאגט אז ווען מען שחט א עוף מוז דאס מעסער זיין גוט שארף, אז דאס עוף זאל נישט האבען קיין שמערצען, הייסט דאס אז איך וועל אויך קיין שמערצען נישט האבען, שלוג מאך דאס שנעל.

פעטער האט שוין מעהר נישט געקענט פערטראגען די ווערטער פונ'ם קינד, ער האט זיך ווי אויפגעכאפט פון שלאף, און פערלויף געזאגט:

ניין, טייער קינד, איך וועל דיך מעהר נישט דערהרג'נען, איך וועל דיך נישט אנרוהרען, איך טאר דיר קיין שלעכטס נישט טהון, מען האט מיר פערשפראכען א גרויס, זעהר גרויס, פערמעגען אז איך וועל דיך אומברענגען, אבער איך וועל דאס פאר קיין געלד אין דער וועלט נישט טהון, גאט האט געהערט דיין געבעט און ער האט מיין מערדערישע הארץ פערדרעהט, איך פיהל אז איך בין א אנדערער מענש געווארען.

אזוי האט דער מענש גערעדט און דאבאי זיך שטארק צוהילט.

דאס קינד איז געשטאנען און געקוקט נישט קענענדיג פערשטעהן וואס דא קומט פאר, אויב דער מענש מאכט נישט מיט איהם קיין שפאס, און ער האט איהם געפרעגט:

דו מיינסט עס ערנסט, גוטער מענש? אזוי מיר גאט לעבט, האט ער געענטפערט.

(פארטז. קומט)

י. גלוזאהו.

אלס ,,זאקלאדניק" ביי דער טאכטער.

(סוכות-מעשה פון די מלחמה-יאהרען).

דאס שטעדטיל ח. האט דעם לעצטען זומער אדורכגעלעבט א זעהר שווערע צייט, געפונענדיג זיך הארט נעבען דעם פראנט וואו דאס רוסישע מיט'ן דייטשען מיליטער האבען דאן געפיהרט א בלוטיגע מלחמה, און די איינוואוינער פון ח. אויסגעקוקט מיט ציטערניש פערשידענע מיליטערישע עמטען, און בא יעדער ענדערונג האט דאס שטעדטיל זעהר פיעל געליטען.

אבער אמטעהרסטען האט געליטען דן יודישע בעפעלקערונג וועלכע איז פשוט געווען הפקר נישט בלויז פאר דעם מיליטער וואס איז געקומען אין שטאדט אריין, נאר פאר יעדען פויליאק וואס האט זיך געדרייט מיט מסר'ן און אויסגעזוכט זייער בלוט.

דער גרעסטער קלאפ פאר די יודען פון ח. איז אבער געקומען, ווען דער אריינקומענדער רוסישער קאמענדאנט האט גערופען צו זיך די ראשי-הקהלה און זיי געזאגט אז ער האט גענויע ידיעות דאס זיי האבען געשטיצט די דייטשען בעת זיי זענען דא געווען, און דערפאר וועט ער נאך דריי טעג ארויסטרייבען אלע יודען פון שטעדטעל.

די יודען זענען אוועק פון קאמענדאנט און דער גרעסטער פערצווייפלונג נישט וויסענדיג וואס צו טהון כדי מבטל צו מאכען די שרעקליכע גזירה, און זיי האבען גערופען א אסיפה פון די חשוב'סטע יודען פונ'ם שטעדטיל.

אויף דער אספה האט דער רב פון שטאדט, וועלכער איז געווען א זעהר קלוגער און ערפאהרענער מענש, געזאגט אז ער מיינט דאס מען דארף פרובען דעם קאמענדאנט משחד זיין, געבען איהם א גרויסע סומע געלד, און וועט ער אונז מוחל זיין.

דער רב האט דאס געגעבען צו פערשטעהן ערקלערענדיג אז ווען דער קאמענדאנט וועט נישט זעהן קיין געלד, וועט ער די יודען נישט גערופען, נאר ער וועלט דן גזירה ארויסגעגעבען, און אויב ער האט אונז גערופען און פרוהער מתרה געווען, איז דאס א סימן אז מיט ,,אויסקויף-געלד" וועט זיך איינגעבען די גזירה בטל צו מאכען.

די אנוועזענדע האבען איינגעשטימט מיט'ן רב'ס מיינונג, און באלד אויפ'ן ארט איז געשטעלט געווארען א גאר גרויסע סומע געלד, וועלכע האט באמת איבערשטיגען די מעגליכקייטען פון דער יודישער בעפעלקערונג און ס'איז בעשלאסען געווארען אז דער רב מיט מיט איינעם פון די חשוב'סטע יודען, ר' משה יצחק, וועלכער קען אנב אויך רעדען רוסיש, זאלען אוועק צום קאמענדאנט מיט דעם געלד און בא אוהם פועל'ן צו לאזען די יודען פערבלייבען אין שטעדטעל.

ר' משה יצחק איז אמאל געווען דער גרעסטער גביר פון ח., געפיהרט זעהר גרויסע וואלד און תבואה געשעפטען, מיט די גרעסטע און רייכסטע פריצים פון דער אומגעגענד, דאבא איז ער אויך געווען א פרומער יוד, טראץ דעם וואס ער האט געהערט גוט רוסיש און פויליש, וואס עס איז דאמאלס געווען א וועלטענע זאך בא די יודען פון קליינע שטעדטלעך. בכלל האט זיך משה יצחק געהאלטען פאר א שטיקעל אויפגעקלערטען, און דאריבער איז ער געווען דער גאנצער שתדלן פון שטעדטיל, און וואנדער פון אנדערע שטעדט, ווייל ער האט געהאט התקרבות מיט דער נאטשאלסטווא, און איבעראל איז ער געווען נעכבת און נעשעצט, צוליעב זיין גוט תארץ, און זיינע שעהנע מדות.

אזוי האט זיך ר' משה יצחק געלעבט און עושר און כבוד, פאר וועלכען אלע האבען איהם מקנא געווען, ביז ס'האט בא אוהם און הויז געטראפען די ,,סבה" וועלכע האט אוהם מיט זיין הויז צושטעטערט.

מיט זיין פרוי האט ר' משה יצחק געהאט נאר איין איינציגע טאכטער, דבורה'לע, מעהר קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט. האט מען דן דאזיגע בת-יחידה ערצויגען אין אלעם גוטען, קיין וואך האט איהר נישט געפעהלט, אויך האט מען איהר געגעבען א עכט יודישע ערציהונג, און זיך בעמיהט זי צו ערצויהען אלס ערהרליכע יודישע טאכטער, דאבא האט אבער ר' משה יצחק זי אויך געלאזט לערנען וועלטליכע בילדונג, ער האט פאר זיין בת יחידה צונעמען די בעסטע לעהרער, דאס האבען זי געלערנט עטליכע איי־ראפעאישע שפראכען, דערהויפט די לאנדס-שפראכען רוסיש און פויליש, און אזוי ווי דבורה'לע איז געווען בעגאבט און פעהיג, האט זי אין די למודים געמאכט גוטע פארטשריט, און איז אויפגעוואקסען אלס געבילדעטע און אינטעליגענטע פרוילין.

אזוי ווי זי איז געווען א שעהן מיידעל און זעהר רייך, האט מען איהר פערגעשלאגען די גרעסטע שידוכים ווען זי איז נאר אלט געווארען 15—16 יאהר, אבער ר' משה יצחק האט זיך שטארק געקליבען, ער האט געהאלט אויסגעפינען פאר זיין טאכטער א חתן וועלכען וואס מען זאגט כלל נישט, ער זאל קענען אלע חכמות, און זאל זיין פון גרעסטען יחוס, און נאך אזעלכע מעלות, וואס אלעס צוזאמען איז נישט מעגליך צו טרעפען.

צוליעב דעם איז אוועק א יאהר נאך א יאהר, און דבורה'לע איז אלעס נישט קיין כלה געווארען, ביז ס'האט געטראפען דאס אומגליק:

אין שטעדטיל איז אנגעקומען א אבטיילונג רוסיש מיליטער, און איינמאל ווען דבורה'לע איז מיט איהר חבר'טע געגאנגען שפאצירען אונטער דער שטאדט וואו ס'האבען זיך געפונען די מיליטערישע קאזארמען, האט זי געזעהען א יונגער רוסישער אפיציר, דאס איז געווען א שעהנער קרעפטיגער יונגערמאן, וועלכען דבורה'לע איז זעהר געפעלען געווארען.

דער אפיציר האט זיך נאכגעפרעגט ווער זי איז, און דערוויסענדיג זיך אז איהר פאטער איז דער רייכסטער יוד און שטאדט, האט ער אנגעהויבען קומען צו ר' משה יצחק'ן און הויז מיט פערשידענע אויסריידען אז ער וויל בא איהם קויפען תבואה און שפייז פאר'ן מיליטער, און אזוי ארום איז דער אפיציר מיט דבורה'לען בעקאנט געווארען, און זייער בעקאנטשאפט איז שנעל פערוואנדעלט געווארען און א געהיימער ליעבע פון וועלכער קיינער האט נישט געוואוסט ביז — איינמאל ביינאכט איז דבורה'לע ענטלאפען מיט דעם אפיציר צוזאמענדיג בא איהר פאטער א גרויסע סומע געלד און הערט-זאכען.

ס'איז זיך לייכט פארצושטעלען וואס עס האט זיך אפגעטהון אין שטעדטיל איבערהויפט בא ר' משה יצחק'ן אין הויז, זיין פרוי איז פאר צרות געשטארבען, און ער איז ארומגעגאנגען א לענגערע צייט ווי משוגע, פערנאכלעסיגט זיינע גרויסע געשעפטען, און אלעס געלאזט אויף הפקר.

וואו זיין טאכטער איז אהינגעקומען האט ער נישט געוואוסט, דן ערשטע צייט האט ער זי ארומגעזוכט, אבער דערנאך האט ער זיך דערוואוסט אז דער אפיציר איז מיט איהר אוועק טיעף אין דן רוסישע גובערניעס, און אזוי ווי ס'איז אויסגעבראכען די מלחמה און דאס פאהרען נאך רוסלאנד איז געווען אוממעגליך האט ער זיך פון זיין איינציגע טאכטער אינגאנצען מיאש געווען.

זינט דאמאלס איז דאס הויז איבער־געקעהרט געווארען, די הצלחה האט זיך פון איהם אפגעטהון, זיינע גרויסע געשעפטען האבען זיך אלייך לוקדי־דירט, און ר' משה יצחק איז געבליבען בא זיין הפועל, פון וועלכען ער האט געקענט לעבען א בעשיידען גע־מיטליך לעבען, ער האט זיך אפגע־געזעצט על התורה ועל עבודה, און עוסק געווען אין כלל-זאכען, די יודען פון ח. האבען אוהם ווייטער מכבד געווען, און ער איז געווען פערבליבען צווישען דן ערשטע ראשי-הקהל.

נאך דעם אויבענדערמאנטען בעשלוס פון דער אספה איז ר' משה יצחק אוועק מיט'ן רב פון שטעדטיל צום קאמענדאנט מיטנעמענדיג דן גרויסע סומע אויסקויף-געלד.

דער קאמענדאנט האט זיי בלומרש'ט רוהיג אויפגענומען, ער האט געמאכט א פריינדליכע מינע, און ווען ר' משה יצחק האט איהם געבעטען און געמאנט פון אלע יודען אז ער זאל די גזירה מבטל מאכען, האט דער קאמענדאנט צוגענומען פון איהם דאס געלד, און זיי געהייסען אהיימגעהן.

די יודען פון שטעדטיל זענען גע־ווען גליקליך הערענדיג אז דער קא־מענדאנט האט דאס געלד צוגענומען, וואס עס ריינט אלס בעווייז אז ער וועט דעם גירוש צוריק ציהען, טראץ דעם וואס דער קאמענדאנט האט זיי דייטליך נישט ערווידערט. אבער ווי א דונער האט געטראפען די יודען פון ח. די שרעקליכע ידיעה צומארגענס באלד אין דערפריה אז מען האט נעקומען מיליטער אין די הויזונגען פון רב מיט ר' משה יצחק'ן, זיי גע־שטורט אין קעסטען, און אוועקגעפיהרט פון שטעדטיל...

די יללה אין שטעדטיל איז געווען און לשער, די יודען האבען זיך פשוט איינגעשטעלט דאס לעבען און זענען געלאפען צום קאמענדאנט איהם בע־טען אז ער זאל דן ערעסטירטען בע־פרייען, אבער דאס מיליטער האט זיי ווייטער צוריקגעטריבען מיט זייערע ,,נאגייקעס" און נישט צוגעלאזט צום קאמענדאנט, און זיי האבען גארנישט געקענט העל־פען.

דער גירוש איז טאקי נישט פארגע־קומען, טראץ דעם וואס נאך דעם ערעסט פון רב מיט ר' משה יצחק'ן, האבען אלע זיך געריבט, אז זיי וועלען מוזען ארויס פון שטאדט האט זיך קיי־נער נישט געשטערט, און זיי האבען זיך בערוהיגט, אבער פון ר' משה יצחק'ן מיט'ן רב איז קיין שפור נישט געבליבען, און קיינער האט נישט גע־וואוסט וואוהין מען האט זיי געפיהרט.

ר' משה יצחק מיט'ן מיט'ן רב זע־נען אונטער א שטרענגע שמירה אב־געפיהרט געווארען קיין ווילנא, וואו מען האט זיי צוזאמענגעפארט מיט נאך פיעל יודישע ,,זאקלאדניקעס", וועלכע מען האט אין דן שרעקליכסטע בעדינ־גונגען אבגעשיקט קיין טיעף רוס־לאנד.

גראד איז דאס געווען אין דער צייט פון ימים-נוראים, ראש-השנה און יום-כיפור איז דן יודען אויסגעקומען צו געהן מתפלל זיין אונטער דן שטויס...

ישראל שפילבערג.

צייט-מאטיווען.

* *

ס'בלאנדושעט מיין נשמה
צווישען גלות-און גאולה-וועגען—
ווי א שיפעל אויף ברויזענדע ים-כוואליעס,
בעת א שטורם און שלאקס-רעגען...

אמאל—און זי פליהט הימלען-הויך —
זעהר הויך!
אמאל—און זי פאלט תהומות-טיעף,
אזש ס'פלאצט מיין מח..

און אויף מיין קאפ שיטען זיך ישועות,
פעלקער-חסדים אהן א גרעניץ...
פלוצים אבער לאזט זיך פון אלעם א חלום אויס,
און ס'בעפאלט מיך א יאוש-געניץ...

דערווייל—און מיינע שטיף-ברידער,
ברידער פון איין שטאם,
בעפאלען מיינע ארימע יעקב'ס-געצעלטען
מיט פייער און פלאם.

און די שכינת-ישראל עספאנגען זיי
מיט וואוטה און צארן —
נישט מיט פרייד און גאולה...
און איך פרעג: א גאטעניו! ווען וועל איך שוין הערען
דעם ריכטיגען שופר-הארן,
דעם שופר של גאולה? — — — —

תר"ץ.

וואס געהערט, וואס געזעהן

מיר האבען זיך אויסגעבעטען א גמר חתימה טובה און א גוט יאהר.

איגרעם גלויבען מיר און זענען זי־כער, אז דער גימעל האט אויסגע־הערט אונזער וויפצען און יללות און האט בעשלאסען צו פערמאכען די אוצרות פון צרות און אונערטרעגליכע יסורים און אביסעל עפענען די שערי-פרנסה.

זאל מען אין דעם אויך נישט גלוי־בען, וועלט חורקליך געהען שווער צו לעבען אויף דער וועלט, דעריבער זאל פאטש דער בטחון, אז עס וועט זיין בעסער ווי עס איז געווען, גיבען אונז טומה און כח איבערצולעבען דאס בי־טער יאהרען.

אנצט זאל מען אביסעל פלוידערען וועגען אקטועלע און אויך היימישע ענינים.

ויהי בימי...

זענע וואך האב איך זיך צופעלינג בעקענט מיט א פרנס פון דער יודי־שער קהלה, וועלכער האט זיך אביסעל אויסגעגאסען זיין תארץ פאר מיר, און אויך געפונענדיג, אז ער האט פול־שטענדיג רעכט, וויל איבערגעבען א קיצור פון זיינע רייד.

ווען מיר קוקען זיך צו צו אונזער קהלה - הויזוועזען געפט פרויך א שוירער דורכ'ן לעב, זאגט מיר פאניע לויתן, פרעגט דער פרנס. וואוס פון אויף איין געביעט, וואס די היינטיגע קהלה זאל עפעס טהון פראקטישעס, וועלכע אונסטיטוציע האט זי אויפגע־שטעלט און משך פון איהר עגזיסטענץ און לא דו, האט זי שטעלט נישט אויף קיין פרישע פאלט זי נאך חרוב דן שוין-עקזיסטירענדע.

גיט א קוק—רעדט מיט געל דער פרנס—אמאל, ווען עס זענען נישט גע־ווען קיין דעמאקראטישע קהלת-הצא־לען, נאר עס זענען געווען דורך ראש־רעס האט מען אויפגעשטעלט אזוי פיעל הערליכע אינסטיטוציעס. מען האט געשטעלט א האנדווערקער-שולע, מיט א גערטנער-פערמע, א פרעכטיגע מקוה, א זקנים הויז, מיט תלמוד-תורות, מיט ארבענקעס א"ז. וואוס מיר הענט אנ'אינסטיטוציע, וואס זאל הערען און משך פון דער צייט פון דער אנצטונגער קהלת-קדענץ אויפגעבויט? דערפאר קען איך איין אבער ווייזען, אז חרוב הערט יא. עס למשל דן פאלע זא־יעגמט, דאן דו אנבריגע אינסטיטו־ציעס געהען אלע מפה, מסה און עס ארט קיינעם נישט.

— און ווען בעשולדיגט אוהר, כ'מיין ווער איז דער הויפט-שולדיגער און דעם אלעם — פרעג איך דעם פרנס.

— און אלעם איז שולדיג דער פרע־זעס ר' שמואל—ענטפערט דער פרנס —ער און נאר ער, ווענט אויף זיך צו פיעל, קיינעם וויל ער נישט צולא־זען עפעס מהון, נאר אלץ אויף זיין פעראנטווארטליכקייט און ער איז עס נישט אומשטאנד צו מהון און ממילא ווערט עס פערנאכלעסיגט.

— איהר וועלט עס זאגען—וואונ־דער איך זיך—וואס הייסט, איהר זענט דאך איינער פון זיינע אנהענגער.

— עס דאס איז טאקי דער אום־גליק, וואס אויך פוהל זיך אביסעל שולדיג אין דעם אלעם—ענטפערט דער פרנס.

הערענדיג דן דאזיגע ביטערע ווער־טער פון דעם פרנס, האט זיך מיר דערמאנט דן וועלכע מעשה מיט'ן מער־שאל פילסודסקי אויף וועלכע דן נעכ־טיגע חברים, וועלכע האבען איהם שטענדיג געלויבט און איהם ארויפגע־רוקט אויפ'ן אויבען, האבען אויך צו איהם הענט פרעטענסיעס. עס זאגט ער, אזוי איז עס טאקע הענט איז אין פוילען ויהי בימי פילסודסקי, און אונ־זער יודישער קהלה איז ויהי בימי שמואל...

דער בלאק איז נישט צושטאנד געקומען.

נישט דעם בלאק פון די פארטייען צו דן וואהלען מיין איך. אין פאליטוק מיש איך זיך נישט צוליעב פרינצי־פיעלע טעמים.

איך מיין דאס דעם בלאק פון אונ־זערע היימישע קנעפל-מהוצר. מען האט גערעדט און געשריבען וועגען דער פעראייניגונג פון די צוויי ספארט-גע־זעלשאפטען און עס האט מען שוין געדרעפט צוגויפקניפען די צוויי עקען, און און דער לעצטער מינוט, ווען מען האט זיך געזעצט צו דן תנאים, האבען די מחותנים נישט גע־קענט צחושען זיך אדורכקומען און עס איז געווארען אויס שידוך.

קורץ, דן 2 ספארט-פעראיינען האבען זיך נישט פעראייניגט.

אויך דן צוויי קלייןהענדלער-פער־איינען האבען איבערגערופען זייערע דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען.

יעדער צד טענה'ט, אז ער פון זיין זייט אדרבה ואדרבה וויל זיך פעראיי־ניגען מיט ספנות - נפשות (פון אמת'ע דיפלאמאטען), נאר יענער צד איז שולדיג און דערגעה א מאלק ווער עס איז באמת געווען, פאקט לויט מיין מיינונג האבען זיי בעידע נישט רעכט, פון די דאזיגע צושפליטערונגען קומט דעם כלל-ישראל בעשטימט נישט צו קיין שטיק געווינר.

יעדענפאלס וויל איך נאכמאל בע־מערקען, אז יודען דארף עמא פויזא קענען נישט לעבען חן אלע מענשען, זיי זענען אנ'אוננטערטייל פאלק און חו־לען נישט ווערען געטיילט.

א שאד, א גרויסער שאד.

קרושפיצער רב, גענוג מיט די מחלוקות!

און שטעדטיל קרושפיץ קומט שוין לאנג פאר מחלוקות צווישען דעם דער־טונגער אגודה מיט'ן רב פון איין צד און דן ציוניסטען פון אנדערן צד. און אויב אנדער מיינט, אז די מחלוקות קומען פאר איבער ערדישע זאכען, וועגען פאליטיק, האט איהר א טעות, יענע מחלוקת קומט פאר לשם שמים...

און קרושפיץ האט דן ציוניסטישע ארגאניזאציע א מנין, וואו מען דאוו־ענט יעדען שבת, און אונבער עס דעם מנין קומען פאר קרוגערייען. די אגודה האט נישט געקענט צוזעהן אז ציוניסטען זאלען אויך דאווענען נישט ערגער פון די אגודה, האט מען דאס מנין מיט דער הולף פון ,,קנע־פול" פערמאכט, האבען עס דן ציוניס־טען מיט דער הילף פון וועלבען ,,קנע־פול" געעפענט. האט מען זיך געשפאט און דן געריכטען אוש.

א צייט איז געווען שטיל.

הי־יאהר האט זיך דן מחלוקה בע־נייט.

עס איז פעהרען אנ'אגודיש חדר, וואס שטעהט ימים-נוראים לידיג און אזוי ווי דן ציוניסטען האבען נישט געהאט ווייטער מנין האבען זיי געבעטען בא קהל, אז מען זאל זיי ערלויבען דארט צו דאווענען. די אגודה האט אבער נישט מסכים געווען, כאטש דער פרעזעס פון דער קהלה איז געווען מסכים מיט דן ציוניסטען (צייטען בעטען זיך), האט דן אגודה פערמאכט דאס חדר און פערשלאסען מיט א פרעגט. האט מען דעם פרעגט אויס־געריסען און מען איז ארייין דאווענען, און מען געלאפען נאך פאליציי האט די פאליציי געזאגט אז דאווענען מעג מען און מ'האט טאקי געדאווענט.

וואס מהוט די אגודה? רופט מען צונויף אויף שבת - תשובה א זיצונג בייס רב און מען בעשליסט די יונ־גאטשעס, דן ציוניסטען, וואס האבען געדאווענט דן ימים-נוראים איבערצו־געבען דעם פראקוראר, עס האבען נישט געהאלפען דן רייד פון עטליכע נכבדים בעלי-בתים, אז עס איז א

פון זײַערע פיהרער, און זײַער צער איז נעהמען שרעקליך.

ערשט ערב־סכות פאַרטאָגס איז די פּאַרטיע פון 15 מאַן יודען צוזאַמען, וועלכע ס'האָבען זיך אויך געפונען דער רב פון ש. מיט ר' משה יצחק'ן, אָנגעקומען אין שטעטעל און מאַלאַנ־דער גובערניע, וואו זיי האָבען געזאָלט פערבלײַבען די גאַנצע צײַט פון אָבקומען זייער שטראָף.

אַרײַנקומענדיג אין שטעטעל האָט מען זיי געפיהרט צו אַ קאָמענדאַנט וועלכער האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ לאַנגע דרשה און געזאָגט זיי מוסר פאַרוואָס זיי זיינען פעררעטער פון מלכות, און דאַן האָט ער זיי ערקלערט אַז זיי ווערען פרײַ געלאָזט צו פערבלײַבען אין שטאָט, אָבער ס'זאָל זיי נישט אײַנפאַלען פון דאַנען צו אַנטלויפען ווײַל דאַן וועלען זיי דערשאָסען ווערען.

אַ זעלנער האָט די יודען אַוועקגעפיהרט אין אַ גרויסער קוואַרטיר וואו זיי האָבען זיך געטראָפען אויסהאַלטען די ערשטע צײַט, דאָרט איז געווען אַן אָרט צו שלאָפען אויף האַרטע שענקען און צו עסען וועלען זיי בעקומען פון טרעסטענטען.

שרעקליך מיעדע פון וועג האָבען זיך אַלע יודען אַוועקגעלעגט אויף די שעניקעס און זיינען אײַנגעשלאָפען געוואָרען און ערשט געגען מיטאָג האָבען זיי זיך אויפגעכאַפּט. דער רב האָט דערמאָנט אַז ס'איז ערב־סוכות און מען דאַרף זיך פערזאָרגען מיט אַ סוכה וואו צו עסען.

ראש־השנה און יום־כפור האָבען מיר נישט געקאָנט האַלטען—האָט דער רב געזאָגט—לאָמיר פּרובען, אפשר האָט זיך אונז אײַנגעגעבען צו מאַכען אַ סוכה.

זיי האָבען געבעטען דעם וועלכער האָט געהאַלטען וואַך איבער זיי, דאָס אַז נעהמען אַ פּרעטעלוכער וועלגער און ער האָט זיי ערלויבט צוזאַמענצושטעלען אַ סוכה'לע, אַז קיינער וועט נישט וויסען וואָס־דאָס איז און צו וועלכען צוועק זיי דאַרפען דאָס.

אַלע האָבען זיך גענומען צו דער סוכה, און געגען אָוונט איז די פּרימיטיווע סוכה אויך פערטיג געוואָרען און זיינען זיי געווען גליקליך.

ווען ס'איז נאַכט געוואָרען האָבען זיי זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען מעריב, ר' משה יצחק וואָס איז געווען אַ גוטער בעל־תפלה האָט געדאַוונט פאַר'ן עמוד און פון עלטערנ'ס אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערען.

נאָכ'ן דאַוונען האָבען זיי צוזאַמענגענומען די קליינע חפצים וואָס מען האָט זיי דערלאָזט, וועלכע איז בעשטאַנען פון שוואַרץ ראָזשינע ברויט און עפּעס אַ שוואַרצע משקה וואָס האָט געזאָלט זיין טהעע און זיי האָבען מיט דעם געפילט אַרויסגעזען און ס'כהאַרײַן עסען די ערשטע סעודה,

אין דער קוואַרטירע איז געווען פינסטער, בלויז אַ זעהר קליין נאָפט־לעמפּיל האָט בעלויכטען די גרויסע און פינסטערע קוואַרטירע, אַזוי אַז איינער האָט כמעט נישט געזעהען דעם צווייטען, איצט האָבען זיי געהאַלט דאָס לעמפּיל מיטנעמען אין סוכה אַרײַן, ווען די טהיר האָט זיך געעפענט און עס איז אַרײַנגעקומען אין קוואַרטיר אַ יונגע פּאַן־געקליידעטע דאַמע,

זיי האָבען געזעהען אָדער געהערט ווי אַ מענש איז אַרײַנגעקומען און נישט געקענט זעהען וואָס דאָס איז, אָבער פּלוצים האָבען זיי דערהערט אַ פרויען־שטימע וועלכע האָט אין אַ זעהר מילדען טאָן געזאָגט:

טײַערע יודען, איך בין די איינציגע יודישע טעכטער וואָס געפינט זיך אין דער שטאָט און דער גאַנצער אומגעגענד, איך בין זעהר רײַך, און אַזוי ווי כ'האָב געהערט אַז ס'זענען אַהערגעקומען עטליכע יודען אַלס זאַקלאַרניקעס וויל איך אײַך העלפען מיט וואָס נאָר מעגליך.

די יודען זיינען ערשטוינט געוואָרען הערענדיג די ווערטער, אָנפאַנגס האָבען זיי איהר עפּעס נישט געגלויבט, אָבער נאָכדעם ווי די פרוי האָט זיי פערזיכערט אַז זי וויל זיי העלפען מיט וואָס מעגליך און פערלאַנגט אַז זיי זאָלען געהן צו איהר און עסען אויף יום־טוב האָט דער רב צו איהר געזאָגט, אַז עסען מוזען זיי דאָ וואו זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט אַ סוכה, אָבער נאָכדעם וועלען זיי געהן צו איהר.

די פרוי איז געווען צופרידען, זי איז געלאָפען אהיים, און באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט איהר דינסט און געבראַכט אַלערליי געבעקס און פערשידענע פרוכטען פאַר די יודען, וועלכע האָבען זיך מיט דעם דערקוויקט און אָנגעגעסען אין דער סוכה די סעודה און דאַן זיינען זיי מיט איהר אַוועק אין דער וואוינונג.

די וואוינונג איז געווען זעהר רײַך, ווי אַ פּאַלאַץ. ווען זיי זיינען אַרײַנגעקומען זיינען זיי פערבלענדט געוואָרען פון דער ליכטיגקייט, אָבער פּלוצים האָט פּאַסירט עפּעס שרעקליכעס. די פרוי האָט אין דער ליכטיגקייט דערזעהן ר' משה יצחק'ן און מיט אַ געשריי: ט א ט ע! איז זי געפאַלען אין חלשות...

די פרוי איז געווען נישט קיין אַנדערע ווי דבורה'לע ר' משה יצחק'ס טאָכטער, וואָס האָט דאָ געוואוינט מיט דעם פּריץ, וועלכער איז מיט אַ יאָהר צוריק געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד און זי האָט בעשלאָסען זיך אומצוקעהרען צו איהר פאָלק.

חילול השם, רײַסטינונג דן חבריה איבערצוגעבען צום פּראָקוראָר האָט געזיגט.

אויף דער רעוועגער אסיפה איז אויך אָנוועזענד געווען דער קרועפּיצער רב, וועלכער האָט נישט פּרובירט אָבצוהאַלטען פונ'ם רעוועגער פּראָלען שריט, עס ווייס היינטען קרועפּיצער רב, אַז אויף איהם ליגט די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַזעלכע נישט־געשמאַקע פּאַסטען און מען מעג אַפילו דרייסט זאָגען: קרועפּיצער רב, גענוג מיט די מחלוקות לשם שמים...

די צאַרישע בעגרענצונגען ווערען אָבגעשאַפט...

עס האָט זיך בעוויזען אַ ידיעה אין דער פּרעסע, אַז שוין אין די נאָהנטסטע טעג ווערען אָבגעשאַפט אַלע צאַרישע בעגרענצונגען וואָס זיינען איבערגעבליבען אַלס אַ זכר פון די צאַרישע הערשאַפט.

דאַכט זיך, אַז דער דאָזיגער דעקרעט אויב ער וועט נאָר ערשיינען, דאַרף בעגריסט ווערען, און פונדעסטוועגען וועט דער דאָזיגער ריין מענשלינער דעקומענט אונז פערשאַפען אַביסעל צרות אויך.

מי בעהויפּט, אַז דאָרט אין די צאַרישע בעגרענצונגען פערהאַן אַפילו פּונקט וועלכער לויטעט, אַז דער וואָס איז געבוירען נישט אין יודישען גלויבען, טאָר זיך נישט מגייר זיין און ווען דאָס וועט ווערען אָבגעשאַפט וועלען מיר האָבען צרות פון די קריסטען, וועלכע וועלען קומען זיך מגייר זיין.

עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, קריסטען וועלכע דאַרפען זיך שעצען גליקליך וואָס זיי האָט דער גורל בעגליקט און זיינען נישט געבוירען געוואָרען קיין יודען און זיינען פּטור פון די אַלע אויסטערלישע ספּעציפיש יודישע צרות, טראַכטען זיך צו מישען צווישען זיי אַזעלכע, וואָס ווילען ווערען יודען און מיטשלעפּען דעם גרויסען פּאַק יודישע צרות.

לטבת נישט, ווי איז עס, און היינטען ראַבינאַט קומען שוין היינט אַדער דאָס געזעץ איז אָבגעשאַפט, קריסטען און בעטען זיך מיט טרערען אין די אויגען, אַז מען זאָל זיך דערבאַרמען איבער זיי און מגייר זיין, און דאָס איז נישט עפּיס יונגע בחורים'לעך וואָס האָבען זיך פערליבט אין יודישע טעכטער (אַזאַ פֿאַל האָט נאָך נישט פּאַסירט, וואָרום אונזערע פּאַניענקעס וועלען בעסער זיך שמד'ן איידער זייערע געליבטע שקצים וועלען ווערען יודען). נאָר טאַקי עלטערע זעלבסטשטענדיגע מענשען.

אַז מען עס איהר פרעגען, וואָס פעלט עס אונז געמערט, איז דער תירוץ אַז פון אונזערע יודען האָבען מיר אויך נישט קיין נחת, דאַרף מען נאָך אַרײַנשלעפּען אומשולדיגע מענשען, און איבריגענס מיר האָבען גענוג, מיר דאַרפען נישט פערגרעסערען די משפּחה, נתקשה דן שואל אַז אַזוי אויך איבערפולט, מען קען זיך בעגנוגען לאָזען מיט די וואָס זיינען שוין דאָ.

חו איהר זעהט איז נישט אַלע מאָל דאָס, וואָס מען מיינט אַז עס איז גוט, אַ גליק. יעדע מעדאַל האָט צוויי זייטען.

לויתן

ד"ר דוד כאַנאַ.

פערזענליכע היגיענע.

III.

„עס וועט גאָרנישט פּאַסירען" הערען מיר אָפט פון אַ לײַכטזיניגען פּערזאָן. טײַלמאָל האָט ער טאַקי גליק—עפטער אָבער זעהען מיר פּונקט דעם היפוך. יעדער דאָקטאָר פון געשלעכטס־קראַנקהײַטען קען פיעל טרויעריגע געשיכטען אויף דעם דאָזיגען געביעט דערצעהלען.

אַ פּײַנד איז אויך דער קאָנסערוואַטיווער שטאַנדפּונקט. מיר הערען אָפט פון אַזאַ קאָנסערוואַטיווען מענש: „עס איז געווען פריהער גוט — וועט אויך היינט גוט זיין. אין מײַנע יונגע יאָהרען זיינען אַלע די מאָדערנע זאַכען נישט געווען און מען איז געווען נאָך געזונדער ווי יעצט". נישט איין מאָל קוקט זיך אַן אַלטער מענש מיט קריטישע אויגען אויף זײַנע קינדער און איבערלעגט זיך: צו וואָס זיינען די אַלע מאָדערנע זאַכען נויטיג? וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט די געזונדהייטס־פּראַגע? דאָס, וואָס ער גופא איז געזונט געווען, האָט ער צו פערדאַנקען נישט זיין לעבענס־שטייגער, נור דעם גאָר נישט־געבראַכענעם געזונד פון זײַנע עלטערן און אור־עלטערן, און אויך דעם פאַקט, וואָס דאַמאָלס זיינען קיין גרויסע שטעט ווי יעצט, מיט זייערע שעדליכקייטען נאָך נישט געווען.

עס איז דער קאָנסערוואַטיווער שטאַנדפּונקט גאָר קיין שטאַנדפּונקט נישט, נור אַ בעקוועמליכקייט, בעסער געזאָגט: אַ אײַנפאַכע פוילקייט. מען איז שוין אַזוי געוואוינט צום געזונדהייטס־שעדליכען לעבען, דאָס מען וויל גאָר קיין אַנדער לעבען נישט פיהרען—און אַזוי לעבט מען ווײַטער.

וועלכע פּערזאָנען זאָלען דורך זייער פּאַסיווען פערהאַלטען זיך די ערנסטע פּײַנד פון די געזונדהייטס־שטרעבונגען און די דאָזיגע געפאַהר ברענגט בעזונדער מיט זיך דאָס אַלט־ווערען. שולדיג זיינען אין דעם אויך אונזערע פרויען. די יודישע פרויען זיינען טאַקי גוטע מאַמעס, אָבער זייער ליעבע איז גרעסער פון זייער פערשטאַנד, דאַן זיקלען זיי דעם מאַן און קינדער אין זעלכע הויז־בעקוועמליכקייטען, אַז יענע האָבען שוין קיין כח נישט די אויגען אָפען צו האַלטען, אַזוי העלפט מען פון די אַלע בעקוועמליכקייטען שלעפּערניג און עס פערשטעהט זיך, אַז נאָך אַזאַ מין לעבען קומט שנעל די גיכט־קראַנקהייט און פערקאַלכונג (סקלעראָז) — און דען איז שוין צו שפּעט.

זעהר פיעל מענשען האָבען גאַנץ פאַלשע פאָרשטעלונגען פון דעם: צו וואָס היגיענע שטרעבט?

זיי פערשטעהען, אַז היגיעניש לעבען בעדײַטעט: „ענטזאָגען זיך". זיי זעהען דעם ווערט פון לעבען אין דעם געניסען פון כל־ערליי פערגעניגונגען ווי: גוט עסען, טרינקען, רויכערען און פיעל אַנדערע אַנגענעהמע זאַכען, זיי וועלען גאָרנישט ביז צום טיעפען עלטער דערלעבען—אַבי גוט צו לעבען, געניסען, דאָס קען מען נאָך פערשטעהן. דאַנעבען אָבער זעהט די דאָזיגע זאַך, לויטער און דער היגיעניקער גאָר אַנדערש אויס. ווען מען וואָלט געקענט בײַ אונזער לעבענס־שטייגער אויסלעבען געזונטערהייט, למשל, ביז 45—60 יאָהר און דאַן אין פולען געזונד שטאַרבען, וואָלט מען אַזעלכע מענשען און אַזעלכע אידעאַלען גאָרנישט געקענט פאַרדאַרבען. אָבער אַזאַ פּערפעקטער לעבען בעלאַנגט צו די זעלטענהייטען. שוין נאָך אַזאַ קורצען און שעדליכען לעבענס־שטייגער פאַלט די קראַפט פונ'ם אָרגאַניזם און עס בעפאַלען זיך אַלערליי קראַנקהייטס־ערשיינונגען און קראַנקהייטען; די אַרבייטס־פעהיגקייט ווערט אָבגעשוואַכט און דער פערגעניגען פון דעם פערגעהרענעם לעבען ווערט אַזוי אָבגעשטערקט, אַז עס קען שוין נאָך לחלוטין קיין רייד נישט זיין פון מעלבען עס זאָל נישט זיין פערגעניגונגען, דער טויט קומט נאָך יאָהרען פון שמערצען און קראַנקפולען גיכט (אַרטעריאָ־סקלעראָז).

אַנדערע, ווידער, זאָגען: אַ געזונדהייטס־מעסיג לעבען איז נור פאַר שוואַכע מענשען, איך בעדאַרף עס נישט". אמת: דאָס איז ריכטיג. עס זיינען טאַקי פערהאַן מענשען, וואָס עס פעהלט זיי אין געזונד גאָרנישט; און עס וואָלט געשאַדט לעכערליך זיי פאָרשריפטען צו געבען, אָבער — ווי זאָגען דאָס די דײַטשען: „נישט יעדער איז אַ ביסמאַרק". ביסמאַרק'ס געזונד האָט אַמאָל פאַר אַ בײַשפּיל געדיענט. פיעל געזונטע מענשען האַלטען זיך מעהר קרעפטיגער געוויזען, מען זאָל האַלטען נישט אַזוי גרינגשעצעט זייער געזונד.

עס זיינען פערהאַן נאָך מענשען, וועלכע מיינען, אַז מען קען אונגעשטראָפט עלף חדשים אין יאָהר, דאָס געזונד פערנאַכלעסיגען, בעניצענדיג דעם צוועלפטען מאָנאַט פון אורלויב בכדי אויפצופרישען די געזונדהייט. די דאָזיגע מענשען האַנדלען אַזוי, אַז זיי האַלטען זייער עסען און שלאָפען אויף די פעריען אָבגעלעגט: נישט די פיער וואָכען פון אורלויב ענטשיידען, נור די איבריגע 48 וואָכען פון אַרבייט.

אַ סך מענשען האַלטען גערן געהאַלט אַ געזונדהייטס־מעסיג לעבען פיהרען, אָבער זיי קענען עס נישט רעאַליזירען, בעטהאָל עס פעהלט זיי די ווילענס־קראַפט דערצו. זיי פאַנגען אָן, אָבער זיי דערפיהרען עס נישט ביז צום סוף. די דאָזיגע האַלטען גוט געטהון, ווען זיי וואָלטען אַרײַנגעטרעטען אין וואָס פאַר אַ ספּאָרט־פערעין אָדער טורן־פערעין עס זאָל נישט זיין, וואָרום דער דאָזיגער ספּאָרט־פערעין האָט די אויפגאַבע און צווינגט פשוט אויף אַ געזונטעם לעבען צו פיהרען.

עס איז פערהאַן אַזעלכע וואָס מיינען, אַז געזונדהייט־היגיענע טרײַבען איז פערבונדען מיט איבעריגע געלט, האָבען און פיעל פרײַע צײַט. די דאָזיגע מענשען קען מען זאָגען פּונקט דעם היפוך: וואָרום ווער עס פערנאַכלעסיגט זיין געזונטהייט, דער פערקירצט זיין לעבען און אַרבייטס־פעהיגקייט. מען פערלירט, אַלזאָ, פיעל מעהר צײַט, אין רעז, ווען מען וואָלט מעגליך גיך אַ האַלבע שעה דער היגיענע געווידמעט. אַזוי אויך איז מיט'ן געלד. היגיעניש לעבען הייסט מעהר לייסטען, מעהר קענען פערדיענען און אַ חוץ דעם אויף אַ דאָקטער און אַפּטייק צו שפּאָרען. צי קאָסט דען זיך רויכער היגיעניש ערנעהרען, אָפּעטען, קלײַדען זיך, מעהר געלט און צײַט, ווי פּשוט לעבען? צי קאָסט דען ספּאָרט טרײַבען טײַערער ווי כל־ערליי אַנדערע „תענוגים"?

א. ש—ך.

בילדעלעך פון קריניצא.

— III —

אין די קאָרידאָרען פון די לאַזשענקעס.

נישט ווייניג קוריאָזען שפּילען זיך אָב אין די קאָרידאָרען פון די לאַזשענקעס, איהר קענט דאָרט זעהען ווי עס לויפען אַרום מענער אָדער פרויען און זוכען שותּפים... אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ געוויסע צאָהל בעדלעך מיט דאָפּעלט נומערן, און עס טרעפט אָפט אַז אין „צופעלונג" ווערען צוזאַמענגעפּאָרט נישט קיין גלײַכע שותּפים און אין איין קאַבינע אַרײַן, ווי למשל אַ יונגע דאַמע מיט אַן עלטערען חסידישען יוד אָדער פערקעהרט, און די דאַמע אָדער דער יוד זוכען זיך אַן אַנדערען שותּף אָדער שותּפ'טע און דעם נומער אַרײַן און נישט שטענדיג גייט זיך עס אַזוי שנעל אײַן, עס פּאַסירט גאַנץ אָפט ווי די שעה נעהמט אַדורך מיט'ן בלויזען זוכען אַן אַנדערען שותּף און קימען נישט צו קיין רעזולטאַט און האָבען שמאַל היזק דעם באָד אויך. ס'איז זיך ממילא גאַנץ לײַכט פערצושטעלען די סצענעס מיט די געלעכטערן בײַם צוזאַמענטרעפען זיך צו דער געשטימטער שעה פאַר'ן נומער פון אַזאַ מין פּאָרל...

ווי מ'שמועסט איז עס אַ שפּיצעל פון איינע אַ קאַסירקע אַ גרויסע שפּיפערקע וועלכע איז אַנ'אָמטאַרן אויף אַזעלכע „קאָמפּלעקן" און מיט בכיון צונויפפאַרען אַזעלכע פּאָרלעך, כדי ס'זאָל שפּעטער זיין פון וואָס צו לאַכען.

איך קויף מיר חלק לעולם הבא.

איהר קענט אין די קאָרידאָרען פון די לאַזשענקעס גאַנץ אָפט זעהען ווי עס דרעהען זיך אָרעמע גאַליציאַנער יודען וועלכע זוכען כסדר עפּיס מיט די אויגען.

נעהמט אַמאָל פאַר מיר פערבײַ אַט אַזאַ מין יוד, איך זעה ער וויל עפּיס פון מיר, ער דרעהט זיך אַהין, ער דרעהט זיך אַהער, מיט אַמאָל נעמט ער אַ קוראַזש און פרעגט מיך אויף פּויליש (ער איז נישט זיכער אויב איך בין אַ יוד) פּאַניע, די שעה איז? איך ענטפער איהם צוריק אויף פּויליש, דער יוד הויבט זיך אויף און נעהמט אַוועק, אַ צווייטע מאָל האָב איך אַזאַ יוד אָבגעענטפערט אויף יודיש נו, נו! האָב איך מיר געקויפט שטקיור! דער יוד האָט מיך באַלד אָנגעהויבען צו בעשיסען מיט פראַגען, ערשטענס פון וואַנען איך בין, ווער איך בין, מיט וואָס איך האַנדעל, ווען איך בין געקומען, און ווען איך רעכען אי"ה אַוועקצופאָהרען, אויב די בעדער דינען מיר, און צום סוף האָט ער צו מיר אַ קליינע בקשה, דהיינו. עס קען מיר גאָרנישט „שאַטען" און ער קען דערפון האָבען אַ טובה, אַ גרויסע טובה, און איך וועל מיר קויפען חלק לעולם הבא. איך זאָל לאָזען הערען דאָס איז און ער ענטפערט: אַז איך וועל הערען וועל איך עס איהם בעשאַפען מחוץ, ווייל מיר קען עס נישט שאַטען און ער וועט דערפון האָבען אַ גרויסע טובה און דערצו וועל איך מיר קויפען חלק לעולם הבא, נו לאָמיך שוין הערען וואָס ס'איז? מען יוד זאָגט: פערשטעהט איהר מיך אַזוי ווי אַ באָד געדויערט סך הכל נישט מעהר ווי אַ 10—15 מינוט און דרײַ פערטעל שעה שטעהט די וואַננע לעדיג, זאָל איך איהם ערלויבען אָבצובאָדען זיך אין מײַן וואַנע, חלק לעולם הבא וועל איך מיר קויפען, ווײַל ער איז ליט אַ יוד אַנ'אָרימאַן, אויף קיין בעדער קען געלד האָט ער נישט און מיר קען עס נישט שאַטען, און ער קען זיך דערמיט ראַטעווען ס'געזונד און דער עיקר איך קען מיר קויפען חלק לעולם הבא, און נישט טראַכטענדיג אויף קיין תשובה הויבט מיר דער יוד אָן אויסצורעכענען זיין „לעבער'ס" קרענק וואָס ער פערמאָגט, האָבען האָט ער סך הכל נישט מעהר ווי צוקער און מאָגען, מאַנדלען און האַלז, „פלויטען" אויס'ן געזעס... און וואַסער אין די קניען, ווען עס כמעט נעהמען — הויצעלט זיך דער יוד — מונטער־וואַסער וואָלט איך מיר טלאַך געטרונקען אַ באָד־ענטשאַלט אַז עס אָבער פון פון וואַסער וואָס השם ישמרנו און דער יוד הויבט אָן פאַר מיר אויסצוגיסען זיין ביטער הערץ, דאָס זאָל איך אײַך זאָגען ליבער יוד „קרינוצאַ איז נישט פאַר קיין קבצנים"! ווען איך וואָלט מיך וועלען לאָזען היילען אויף אַלע מײַנע מחלות וואָלט מיר נישט געקלעקט ראָטשילדס פּאַטענטקעס, נאָר נישט מעהר פאַר אַנ'אָרימאַן איז — אַחן זוגר געזעלט — אַ שוואַרץ יאָהר אויף נוט. איך געהאַ אײַך זעהר חלק לעולם הבא וועט איהר זיך קויפען און לאָזט מיך אַרײַן נאָך אײַך און איינער האַנגא אַרײַן, איך פערלאַנג עס גאָרנישט — ווערט דער יוד הייסער — פון אײַך בחנם, איך וועל אײַך עפּיס צושטײַער געבען, און דער יוד הויבט אָן צו האַנדלען מיט מיר און דערלאַנגט מיר כסדר פון מינוט צו מינוט אַלץ אַזוי ווי אויף אַ ליציטאַציע, איך האָב איהם איבערגעבען די רייד און זאָג איהם אַז איך פערלאַנג פון איהם גאָרנישט, נאָר אויב די „קאָמפּיעלקאַ" וועט איהם ערלויבען וועל איך עס איהם טהון בחנם. עס דויערט נישט קיין 2 מינוט דער יוד איז שוין דאָ מיט דער קאָמפּיעלקאַ! זי האָט עס איהם ערלויבט, אַט אַזוי האָב איך מיר מיט דער הילף פון דער קאָמפּיעלקאַ געקויפט חלק לעולם הבא.

און לאַנג, לאַנג נאָך דעם יוד'ס אַוועקגעהן האָט מיר נאָך געקלונגען אין די אויערן זײַנע ווערטער „קרינוצאַ איז נישט פאַר קיין קבצנים".

Towarzystwo Ubezpieczeń „VITA” Sp. Akc.
AGENTURA w CZĘSTOCHOWIE, I-sza ALEJA № 14.
פערזיכערונגען אויפ'ן לעבען, צופאלען, אויך רעכטליך-ציווילע פערזיכערונג.

באַהן הנחה-בילעטען, שלאף - וואגאנען, בחנמ'דיגע און הנחה-וויזעס פאר סטודענטען וואס פאהרען שטודירען קיין אויסלאנד.

דאס אקאדעמישע אינפארמאציע-ביוראָ בײַם צענטראלען אויספיהר-קאמיטעט פון די יודישע אקאדעמישע פעראיינען אין פוילען, וועלכעס עגזיסטירט שוין פון 1924 יאהר אן אין ווארשא, פלאץ ושעלאזנעי בראמי נר. 6 װ. 36 טעלעפ. 253 68, איז מודיע אז דעם 28 סעפטעמבער איז ארויסגעפאהרען די 3-טע גרופע סטודענטען קיין דײַטשלאנד, בעלגיען און פראנקרײַך. בעת דעם אפפאהר זענען אויפ'ן באהן-הויף אנוועזענד געווען פארשטעהער פון דער פרעסע, דער דירעקטאר פון דער פוילישער אגענץ פונ'ם רײַזע-ביורא און א גרויסע צאהל בעגלייטער פון דער אקאדעמישער יוגענד.

דאס ביורא נעמט שוין אן אנמעלדונגען צו דער 4 גרופע וואס פאהרט אב דעם 8 אקטאבער און אויך צו די גרופען וואס פאהרען אב דעם 16, 20, 27 אקטאבער און 2, 9 און 16 נאוועמבער ד. י.

די רעפלעקטאנטען צו די אויבענדערמאנטע גרופען דארפען זיך געבען וואו אמשנעלסטען זיך צו פערשרײַבען אין איינע פון די גרופען און גלײַכצײַ־טיג אנצאהלען 5 זל. אויף רעזערוואציע-הוצאות און אויך אנצוגעבען דעם נומער פונ'ם פאס, דעם טערמין ביז ווען דער פאס איז גילטיג אין דורך וועלכען סטאראסטווע דער פאס איז ארויסגעגעבען געווארען.

די אבער וואס וועלען פאהרען דעם 8 אקטאבער וועלען געקענען גלײַך ארײַנצושיקען פאר א בילעט קיין פאריז 95 זל., קיין ליעזש 80 זל. און קיין בערלין 35 זל.

אין דער 2-טער העלפט אקטאבער ה. י. פאהרט ארויס א גרופע קיין פאריז און א ספעציעל - רעזערווירטען שלאף-וואגאן און די בילעטען וועלען זײַן טײַערער מיט אנ'ערך 20 זל.

דאס ביורא ערטיילט אומזיסט, פער־סער און אלע ענינים וואס זענען פערבונדען מיט'ן אנקומען אויף די אקאדעמישע און אויסער - אקאדעמישע הויך-שולען. דאס ביורא ערטײַלט אלע נויטיגע אינפארמאציעס וועגען דעם שטודירען אין אויסלאנד. שריפטליכע אינפארמאציעס ווערען ערטײַלט נאכ'ן דערהאלטען 2 זל. אויף רעקאמאנדאציע הוצאות.

פון לאקאטארען-פעראיין

פון לאקאטארען - פעראיין האבען מיר דערהאלטען פאלגענדען קאמוני־קאט:

נאך א תקופה פון שארפע מכסוכים צווישען די הויז-איינגענטימער און די לאקאטארען איז געקומען א תקופה פון שלום, וועלכע האט געדויערט עט־ליכע יאהר. דער כלל לאקאטארען, וועלכער האט אין די קריטישע מא־מענטען זיך געווענדעט תמיד צום לא־קאטארען - פעראיין. נעמענדיג דא תמיד הילף און שוץ, האט יעצט פול־שטענדיג פערגעסען וועגען קיום פון פעראיין, האט פערנאכלעסיגט צו צאה־לען דעם מיטגלידס-בײַטראג, האלטענ־דיג, אז דער פעראיין קען שוין גיין זײַן וועג, ווארום ער האט שוין דאס זײַניגע אפגעטהון. דער כלל פון לא־קאטארען האט נישט פערשטאנען, אז אויב עס איז געלונגען אויסצופעטען דאס געזעץ וועגען לאקאטארען-שוץ, וואס האט פערזיכערט דעם לאקאטאר פון דער הערשאפט פון הויז-אייגענטימער, האט ער דאס צו פערדאנקען איינענט־ליך דער טעטיגקייט פון די לאקאטא־רען-פעראיינען אויפ'ן גאנצען שטח פון דער רעפובליק.

טראץ דער פולשטענדיגער פארזיכע־רונג, טראץ דער אונגעהויערער טעטיגקייט פונ'ם כלל-לאקאטארען, האט דער פעראיין, רעכטונגען געוואונט: די פערהאלטונג פון פעראיין, נישט צוזא־מענגעלענט די העגר און — אין די ראהמען פון דער מעגליכקייט — נישט פערנאכלעסיגט קיין שום אקציע, וועל־כע האט געהאט די אויפגאבע אפצו־שיצען כלערליי אטאקען מצד די הויז-אייגענטימער, וועלכע האבען נישט געשטארט קיין מיטלען אין דער ריכ־טונג פון פנולירען דעם אונאנגענעה־מען געזעץ וועגען לאקאטארען-שוץ.

יעצט זענען הירער ארויסגעשטיגען שארפע פראגען, וועלכע פאדערען א אקטיווע ארויסטרעטונג מצד דעם לא־קאטארען-פעראיין. די ערשטע וויכטיגע פראגע איז: דער פ־טיעקט וועגען העכ־בערען דעם דירה-געלד ביז 172%, שפעטער — די פראגע וועגען די שטעדטישע וואסער-און קאנאלען-אב־צאהלונגען. די דאזיגע אבצאהלונגען זענען געשטעטיגט געווארען און ווע־רען איינגעצויגען און א אונגעהויערער הויך, וואס איז אנבורגעגט בעקאנט איטליכען לאקאטאר.

אין די דאזיגע ענינים איז דער לא־קאטארען-פעראיין ארויסגעטרעטען מיט בריטע מעמאריאלען צו די געהעריגע מיניסטעריום'ס, אבער דאס ארויס־טרעטען פונ'ם פעראיין קען נור דאן עפעס בעצייקען, ווען די דאזיגע אינסטיטוציע וועט רעפרעזענטירען די געהעריגע ברייטע שיכטען—אהן אויס־נאהם אלע לאקאטארען פון דער שטאדט.

לאקאטארען! אין אייער אייגענעם אינטערעס רופען מיר אייך צו פער־שטארקען זיך מאטעריעל און דעם לא־קאטארען-פעראיין, בכדי מען זאל דורך צוריק צו ערמעגליכען אונזער אינס־טיטוציע צו ערהערבען זיך איהר אפצו־ליגע חובות און קראפט.

קאנטראלירט די וועהלער-רשימות!

יעדער יודישער וועהלער דארף אומבעדינג געהען אין זײַן וואהל-ראיאן נאכזעהען אויב ער און זײַנע וואהל-בע־רעכטיגטע פאמיליען-מיטגלידער געפונען זיך אין די וועה־לער ליסטעס צום סיים און סענאט.

צום סיים האבען וואהל-רעכט מענער און פרויען, וואס זענען דעם 30 אויגוסט ה. י. אלט געווארען 21 יאהר, און צום סענאט האבען וואהל-רעכט די וואס זענען ביז'ן 30 אויגוסט אלט געווארען 30 יאהר.

יעדער מענש האט דאס רעכט נאכצוקאנטראלירען אויך פאר זײַנע פרײַנד, נאהנטע און בעקאנטע.

אויב ער געפינט זיך נישט אין דער ליסטע דארף מען אויפ'ן ארט רעקלאמירען.

קורצער קרייז - קאנפערענץ פון רעוויזיאניסטען אין סאס־נאוויץ.

זונטאג, דעם 4-טען טאג חוה"מ סוכות קומט פאר אין סאסנאוויץ א קרייז-קאנפערענץ מיט פאלגענדען סדר־הדרונג:

ערעפנונג — יוסף קלארמאן, בע־גריסונגען, „די העברעאישע בעוועגונג” —דר. יעקב כהן, „די פאליטישע לא־גע אין ציוניזם”—דר. פעלדשו, „לעמ־בערג, פראג און בערלין”—דר. א. ליפסטן, „דער וועג פון דער יוגענד” —דר. ד. הראבינסקי, דער מצב אין פוילישען ציוניזם”—מאג. מ. נוסקאוו־סקי, בעריכטען, א רעפעראט וועגען דער צוקונפטס - ארבעט, רעזאלוציעס, וואהלען פון א קרייז קאמיטעט.

די קאנפערענץ ווערט געעפענט מיט א פײַערליכער אקאדעמיע אין שטאדט־טעאטער.

אויסבעסערונג אין דער טע־לעפאן קאמוניקאציע.

מיט א געוויסע צײַט צוריק איז פער־ענדיגט געווארען די ארבייט פון לעגען אנ'אונטערערדישען טעלעפאן - קאבעל צווישען ווארשא און לאדז, יעצט ווערט אנגעהויבען די ארבייט בײַם לעגען ענליכע ליניעס פון טשענסטאכאו ביז ווארשא—לאדז און שפעטער פון טשענסטאכאו קיין קאטאוויץ און קראקא.

אויסער דעם ווערט פון יעדער איי־נער פון די גרעסערע שטעדט דארונ־טער אויך אין טשענסטאכאו איינגע־פירט ווערען אזוי גערופענע פער־שטארקונגס-סטאציע פאר די קאבעל־ליניע, וועלכע ווערט זעהר פיעל צו־העלפען צו פערבעסערען די טעלע־פאן - געשפרעכען וואס אויף גאנץ ווײַטע שטחים.

דעם איינאורדנען דעם נײַעם סיסטעם פון טעלעפאן-קאמוניקאציע האט נאך א בעדײַטונג, דאס ווערט אין א געוויסער מאס פערלײַכטערען די אונטער־נאציאנאלע טעלעפאן-קאמוניקאציע און אין דער ערשטער רײַהע מיט מערב־אייראפא.

קליינער פעליעטאן

לישב בסוכה.

מוצאי יום כפור, אין שטוב הקודש א הײַמערע שאימונג, דער פאטעפאן שפילט יאסעלע ראזענבלאט'ס „הבן יקיר” (מסתמא אויסצובעסערען דאס וואס די חזנים האבען געפעלשט), מען האט זיצט מיט דער בלײַשטופט און דער האנד און מאכט דעם צעטיל וואס מ'דארף אלץ אײַנקויפען אויף יום-טוב און בײַ יעדען צײַט מיט דער בלײַ־פעדער ניט מיר א שמאך אין הארצען, לאמיר, אזוי צו זאגען, אז עס ווערט אויסגעמען צו מײַן קאפ...

איך הערער זיך און טראכט א מע־מא אויף א סוכה-פעליעטאן, ווארום ווען עס איז שוין פתיקון האט מען געהאסט, אז אויף יום-כפור דארף מען שרײַבען וועגען א כפרה, סוכות—וועגען א סוכה אדער א אתרוג מיט א פטום, אבער אויפ'ן הײַ-יאהריגען סכות ווען אויף דער טאג-ארדנונג שטעהט אזא וויכטיגע פראגע ווי די וואהלען צום סיים איז אין מיר פערגעקומען א „ויתרוצצו”, מעמען זאל איך נעבען פערצוג די וואהלען אדער דער סוכה.

ווארום בײַדע זענען דאמאל זעהר וויכטיגע און אקטועלע טעמעס און בינו לבינו ווי איך זיץ אזוי און טראכט קומט אריין מײַן שכן ר' ישראל יודל.

גוט מאך—גוט ר' ישראל יודל א געשרײַ מיט א פרעהליך קול—מיר זאלען זיך האבען אויסגעבעטען א גוט יאהר.

אמן—ענטפער איך—ווארום דאס פערגאנגענע יאהר איז לעדער געווען א פאסקודנע, אפשר, אפשר וועט דאס קומענדע יאהר זײַן א בעסערס.

הלואי—זופצט אב ר' ישראל יודל —לעדער זעהט מען נישט אז עס זאל זיך בעסערען צום גוטען.

— וואס הערט זיך עפעס נײַעס—פרעג איך מײַן שכן, ווארום אויב ער קומט צו מיר איז עס נישט אומזיסט, חול ער שמועסען פאליטיק אדער פרע־גען אנ'עצה און דאסמאל האב איך פאקע געטראפען. ר' ישראל יודל האט געעפענט דאס מויל און מיר אנגעהוי־בען צו דערצעהלען זײַנע אײַנדרוקען פון דעם פערגאנגענעם יום-כפור.

— מיר געפעלט אײַך דאס, פאניע סמאל, וואס די יונגעלײַט, וועלכע מען האט געראכענט, אז זײַ זענען שוין אפגעריסען פון אונזער פאלק און לא־כען אויס אלע טראדיציעס זענען צו־רוקגעקומען צו אונז. אט זענען די שוהלען געווען איבערפולט פון יונג־לײַט און אפילו די חבער - שוהל איז געווען איבערגעפולט פון יונגע פרײַ־לײַט און די רעסטאראנען וועלכע הא־בען צוגעגרײַט מאכלים ומשקאות פאר די יודישע יונגעלײַט, ספעציעל אויף יום-כפור, האבען געמוזט געמאכט א שווארצען סוף, ריכטענדיג זיך אויף א עולם אזוי ווי יעדעס יאהר, נישט אנ־דערש, האבען זיך די רעסטאראטארען געטראכט, אז זײַ האבען א טעות גע־האט און דאסמאל פון „סאנדרען דויען”.

אײַ, עס האבען זיך געטראפען, רעדט ווײַטער מײַן שכן, עטליכע לא־בוזעס וואס האבען אויפגעטראגען אויף דעם שוהל-פלאץ „גודער מיט'ן קלער” אין דאס אויך נישט געווען פון אי־בערצײַגונג, נאר פאר-פרוקאז, ווארום די יונגעלײַט וואס האבען אויפגעפאסט־קעט דאס שטײַגער אויף די מענער, אט די וועלכע זענען געוועסען א גאנ־צען טאג און געבעטען צום הימעל, אז מען זאל זײַ מוחל זײַן זײַערע זינד אײַנשלונפלוך אויך דעם חטא פון דער מענד-שמירערײַ.

איך איז פערדריסליך וואס א בע־וואוסטע כלל-טהוערן פון דער קאפ־משושקע ניט דאס האט זיך געקענט א דאמען - סאלאן און יום - כפור די מארקשטעל גענען פעסטונג אויף דער גאנצער פארע, נאר דאס זענען אלץ יהודים וואס דארפען בעווײַזען פא־רען פון יודישען כלל, אבער דער רוב יודען געהען צוריק צום שורש, צו אונזער אלטער טראדיציע און דער־מיט ווערט אויך געשטארקט אונזער נאציאנאלער בעוואוסטזײַן.

— וואס הערט זיך עפעס וועגען א סוכה?—פרעג איך מײַן שכן.

— אה, וועגען דער סוכה — ענט־פערט ר' ישראל יודל — בין איך זיך פאקע געקומען מיט אײַך בעראטען, איך ווײַס טאקע נישט צי דאס הײַ-יאהר צו פחון מיט דער סוכה, דאס הײַסט, נישט אזוי ווײַט מיט דער סוכה גופא, נאר מיט וועמען איך זאל זיצען צוזאמען אין דער סוכה, ווארום בײַ אונז אויפ'ן הויף האט איהר שכנים וואס יעדער געהער צו אנ'אנדערע פארטײַ און ריכטונג.

עס וועלען פערזאמלען אגודה'ניקעס, ציוניסטען, מזרחיסטען, סיחרים און קלײַנהענדלער. דאס דארפט איהר מיר דער פרויזער פון אונזער הויף סיחדים א סימפאטיע צו דער מענטינער פאל־קסמונישער פארטײַ.

שטעלט אײַך פאר — רעדט ווײַטער מײַן שכן — אז מיר ווערט אויסקומען צו זיצען צוזאמען מיט אזא „מלאכישע” אין מײַן סוכה און איך, הײַסט אויהר דאך, אז איך האב ליעב צו לאמען א שמועס וועגען פאליטיק, אבער איך האב פײַנט צו רעדען מיט פארטײַ־מענשען, ווארום זײַ זעהען נישט קײַן ואך אזוי ווי זײַ וויל, נאר אלץ פון פאר־טײַ-שטאנדפונקט און טמילא ווערט די גלײַכגעלט ואך אויסגעקריצט.

דער גאנצער מאהל-קאמף ווערט זײַן אין דער סוכה און אנשטאט צו זענען דעם לישב בסוכה און אויסרעכענען די אושפיזין וועלען די פארטײַ-מענער אויסרעכענען זײַערע אושפיזין.

דער אגודה'ניק וועט אויסרעכענען זײַנע „אושפ יזן”, אנשטאט אברהם, יצחק, יעקב, משה, א.ז.וו. וועט ער דערצעהלען די מעלות פון ר' קירש־בראון, מינצבערג וכדומה, דער ציוני־סט וועט דאך מסתמא נישט פער־שווײַגען און מאכען לוצנות פון די אגודה'ניקעס און אנקענען שטעלען זײַנע אושפיזין, ר' יצחק גרינבוים, הארטגלאס, פארבשטיין, אז נאר זײַ זענען די פחת'ע, די איינציגע, די ארזי הלבנון.

דער סוחר וועט אויך נישט פער־שווײַגען און וועט אויך פון הורמשאפ־טליכען שטאנדפונקט געבען צו פער־שטעהן, אז פאליטיק איז גארנישט, פון פאליטיק קען מען קײַן הוקסטער נישט צאהלען, אז דער עיקר איז פרנסה, און וועד איז נאך גוט כמעט זוך צו פערשטעהן פרנסה ווי האנדעל שפרונצער, דער אמת'ער סוחר...

דער האנדווערקער וועט ווײַטער נע־בען צו פערשטעהן, אז דער ערנסטער בעל מלאכה קען נישט אנפרוויען זײַנע בלוטיגע אינטערעסען די פארשטעהער פון די בורזשואזען, די גרינבוימס א.ז.וו. נאר דעם איינציגען קעמפער און קריסטאל ריינעם האנדווערקער-מאמע חיים ראסנער.

דער קלײַנהענדלער וועט אודער זא־גען, אז באמת ער האט אין סיים נישט געהאט ביז איצט קײַן פארשטעהער, אמת אויהם האט געוואלט פארטרעטען מאנצעק, יענער האט אבער נישט אין זינען צו מאכען און מיר קען קלײַן־האנדעל, נאר האט געמאכט געשעפ־טען אויף הורט, נאר דאך וויל ער, אז אויך ער זאל אוצט האבען זײַן פארשטעהער.

דאן וועט דער פרויזער, דער פאל־קיסט אנהויבען צו רעדען „פאלקס־טימליך” און בעטײַטען, אז דאס גאנצע פאלק וועט הערען פאלקסטימליך און באשר בכן קומט זײַ א חלק אין דער שוטעל.

שטעלט איהר זיך פאר, ווי אזוי עס וועט אויסזעהן דאס צוזאמען זיצען אין דער סכה, עס וועט זײַן א נערודער, א ליארם אין עס וועט זיך ענדיגען ווי געוועהנליך מיט געבעט אין קאפ ארײַן, און איך האב נישט קײַן חשק אז מײַן קאפ—פיט זאל זיך געפונען אויף יענעם'ס בארד.

יא — דערמאנט זיך ישראל יודל, בײַ אונז אין הויז וואוינט נאך א „אונ־פערנעמער” וואס האלט, אז יודען דארפען בזמן הזה אינגאנצען נישט ארויסשטעלען קײַן ליסטעס, נאר כלל־ישראל דארף שטימען פאר דער סא־נאציע, בעשט דער פערשוין זוצט נישט אין קײַן סכה, אבער א קשיא אויף א מעשה, אפשר צוליעב די אנטפאציע פאר „זײַן” ליסטע וועט ער קומען בע־דען עסען אין דער סכה ארײַן, אויף דין חברה און אלעס צו גלויבען, זײַ זענען מעהוג אויף טונקלע מעשים.

פא וועט מהוט מען, ווי אזוי זיצט מען און א סכה צוזאמען מיט אזא חברה?

עס וועט דאך זײַן א מיטינג מיט קאנטעקסעצען... און נישט קײַן לישב בסכה.

דאס מאל האב איך לעדער מײַן שכן נישט געקענט געבען קײַן רעכטע־גע עצה, חוץ נאר פשוט, איך מײַנט נישט ווי אזוי איך אלײן וועל מיר אנ'עצה געבען מיט . די חברה אז איך זאל נישט ארויס בײַן ווײַן פון דעם וואהל-פלאנטער, דאס הײַסט פון די יענונגע, וועלכע וועלען דווקא זיצען אין יענער סכה וואס הײַסט פײַנט אין איז אזוי וזכער אז אונזער סכה וואס יעדער הינער קאן זי אהעק־בלאזען.

קורץ, עס וועט זײַן דער אמת'ער לישב בסכה.

סמאל.

די זיצונג פון שטאדט-ראט.

די דאנערשטאג'דיגע זיצונג פון שטאדט-ראט איז פארגעקומען ווי געוועהנליך אונטער'ן פארזיץ פון פ-זידענט בוגאַיסקי.

פאר'ן באטראכטען דעם טאג - ארדנונג האט מען פארמעל בעשטעטיגט א רייהע ענדערונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען בשעת צוזאמענשטעל פון די וואהל-קאמיסיעס, צוליעב דער קראנקהייט פון די פריהערדיגע אויסגעוועהלטע מיטגלידער.

עס ווערט בעשלאסען צו הכשר'ן דן בודושעט פאזיציע פון נישט פאר-אויסגעזעהענע אויסגאבען מיט 3 טוי-זענד 700 זל. אין צוזאמענהאנג מיט'ן פארגרעסערן פון די שטעדטישע ארבייטען.

אין א פארמעלען אופן ווערט נאכ-אמאל אקצעפטירט דאס איבערווערטען פון די הלוואות פון 1919 און 1920 אין דער גרויס פון איבער 7 מיליאן מארק און אויך וועגען אננעמען א הלוואה פון 80 טויזענד זל. אויף צו פארענדיגען די ארבייטער-הייזער.

בשעת ווערט בעשלאסען צו נעמען א הלוואה פון 50 טויזענד זל. אויף אבצוצאהלען די היפאטעק מיט וועלכע עס זיינען בעלאסטעט די זאוואדע-קא-שארען, וואס געהערען יעצט צו דער שטאדט. די דאזיגע קאזארען האבען הם-יתר געפלעגט אנגעקויפט ווערען דורכ'ן קריגס-מיניסטעריום, אבער צו-ליעב שפעקולאציע איז דאס אנגע-לעגט געווארען אויפ'ן נעכסטען פור-שעם-יתר.

אין דער פארם פון א דרינגענדען פארשלאג ווערט איינשטימיג אנגענומען דער פארשלאג פון מאגיסטראט וועגען אונטערהאלטען וועטער די ארויסגע-שטעלטע פרעטענסיעס צו אולען אין דער גרויס פון 1 מיליאן 72 טויזענד זל. און 10 טויזענד 300 דאלאר, אלס ענטשעדיגונג פון דער דאזיגער געזעל-שאפט צוליעב די פערורזאכטע הוצאות בשעת אויספיהרען די ארבייט. עס ווערט בעשלאסען פון דער פאדערונג פון דער דאזיגער סומע נישט אבצוטרעטען.

אויף א פארשלאג ווערט בעשלאסען דאס דער מאגיסטראט זאל זיך בעמי-הען ביי דער באהן-מאכט אז אין טשענ-סטאכאווע זאל איינגעפיהרט ווערען א באהן-סטאנציע.

חוץ ווערט באטראכט און בע-שטעטיגט דער פארשלאג וועגען נעמען דעם צושלאג-אבצאהל פון פאטענטען פון אויסערבעטען געטראנק 100 פראצ. פון דער גרויס פון פאטענט און פון פערקויף פון געטראנקען 200 פראצ. פון פאטענט-פרייז לטובת דער שטאדטישער קאסע.

דער פארשלאג וועגען שליסען אנ-אפמאך מיט דער עלעקטרישער געזעל-שאפט אין זאגלעמביע וועגען בעליכט-ען די פארשטעדט טעראדעם, זא-משיש און ראקאוו, איז שוין אין זיי-נער צייט בעטראכט געווארען און אנ-בעריהרט געווארען אין דער קאמיסיע, איצט נאכ'ן געהעריגען בעהאנדלען דעם דאזיגען פונקט דורך דער קא-מיסיע, בעשטעטיגט דער שטאדט-ראט דעם דאזיגען פראיעקט שוין ענדגיל-טיג.

עס ווערען נאך בעהאנדעלט אייני-גע פראגען וועגען איינהאלטען דאס בויען פון אייניגע פריוואטע געביידעס, וועלכע ווערען געשטעלט אין אומלכע פונקטען, דאס וועלען שפעטער שטע-רען די רעגולירונג פון דער שטאדט, לויט דעם שוין אנגענומענעם פלאן.

צום סוף זיינען דורך די כאדעקעס ארויסגעטראגען געווארען אייניגע אינטערפעלאציעס, צווישען אנדערען איינע, וועלכע פרעגט ביי דעם מאגיס-טראט צי עס איז וואר אז די פאס-טענס פון שול-רעקטוירן און רעגטעס-סען זיינען בעזעצט געווארען דורך יו-דען, און אויב יא מיט וועלכע מעט-נונג האט דער מאגיסטראט דאס גע-טהון.

דאמיט ווערט די זיצונג פון שטאדט ראט געשלאסען.

ענדערונגען אין דער שטאדטישער אויטאבוסען קאמוני-קאציע.

צוליעב דער רעגולירונג פון פלאץ נאך דער „יסנא גורא" און דעם צונע-מען פון דעם ברוקירטען פאטער-פלאץ, וואס ציהט זיך לענג-אויס די פארקען האבען אויפגעהערט צו קורסירען עט-לכע אויטאבוסען אין דער דאזיגער ריכטונג פון 1 אקטאבער ד. י.

די ביז-יעצטיגע ליניע A און C וואס איז געגאנגען דורך קארדעצקי פלאץ ביז'ן ווילונער מארק, ווערט צוטיילט אויף אזא אופן, אז פון עק דרוסע אלעע וועלען קורסירען דריי אויטאבוסען פון דער ליניע C דורך די גאסען לובליניעצקא און ווילענסקא ביז צום ווילענער מארק דריי ווידער אויטאבוסען פון ליניע A וועלען נעהן דורך לובליניעצקא און קארדעצקי ביז „שיענטע בארבארע", וואו עס געפינט זיך דער לעצטער פשוטאנעק איבער-פראגען ווערען פון דער שיענטע בארבארע ביז דער קאשימיעזשי-גאס, שליסליך ביז דער קירכע פון שט. בארבארע.

אויף די לעצטע זיצונגען פון מאגי-סטראט איז אנגענומען געווארען א בעשלוס צו פארגרעסערן דעם אוי-טאבוסען-טאבער, אום צו פערמייל-פאכען דעם כמות פון די קורסירענדע אויטאבוסען.

בייא דער געלעגענהייט איז כדאי צו פערציכנען, אז די לייטונג פון ס. ק. א. הילענדונג ענטגעגענקומען מיט הילף דער שול-יוגענד. פערקויפט ביכלעך, וועלכע ענטהאלטען 60 הנחה-בילעטען אויף איין קורס פאר 7 זל., אנשטאט דעם נארמאלען פרייז 9 זל. פאר 60 מאל פאהרען. די דאזיגע בילעטען-ביכלעך קען מען בעקומען אין דער קאסע פון ס. ק. א., פריהער דאס הויז פון „אולען". אקעגענאיבער דער

צי ווייסט איהר שוין אלע,

אז דאס ערשטקלאסיגע שיך-געשעפט

לויט'ן פאריזער סיסטעם

איז שוין ערעפענט געווארען ??!!

דאס ערשט-קלאסיגע שיך-געשעפט, אונטער דער פירמע „ווענוס" בעזיצט דעם גרעסטען אויסוואהל פון פערשידענע אויסלענדישע און איינלענדישע שיך, אויך אייגענע אויסארבייטונג פון די לעצטע פאריזער מאדעלען און די הויפט-זאך צו שפאט ביליגע פרייזען.

רעעלסטע בעדינונג. געדענקט די אדרעס:

שיך-געשעפט „ווענוס", אלעע 29.

przedstawiciel

Edward KOHN

w Częstochowie,

Ogrodowa 20.

TYTAN

BYŁY, SĄ, BĘDĄ NAJLEPSZE

די יעהרליכע אלגעמיינע פער-זאמלונג פון די האנדווערקער.

דאנערשטאג דעם 9-טען אקטאבער ערשטער טאג חול המועד, 6 אזייגער אווענד, וועט אין איינגענעם לאקאל אלעע 40 פארקומען די יעהרליכע אל-געמיינע פערזאמלונג פון דער ארטי-גער אפטיילונג פון האנדווערקער-פער-באנד מיט א געהעריגען טאג-ארדנונג.

אין פאל, ווען די פערזאמלונג וועט צוליעב די נישט געהעריגע צאהל מיטגלידער, נישט קענען פארקומען אין דעם אויבען אנגעוויזענעם טערמין, וועט די פערזאמלונג פארקומען דעם זעלבען טאג 7 אזייגער אווענד ביי יע-דער צאהל אנוועזענדע.

אלע האנדווערקער מיטגלידער דאר-פען זיין, אפילו מאן אנטייל נעמען אין דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

„וויטא".

די באוואוסטע פערזיכערונגס-געזעל-שאפט „וויטא" צענטראלע אויף פוילען אין ווארשא האט געעפענט איהרע א אפטיילונג אין טשענסטאכאוו ערשטע אלעע 14, וואו זי נעמט אן אלערליי לעבענס - פערזיכערונגען, פון גרנ'ס, אוטאמאביל-צוזאמענשטויסען און נפול-פערזי-כערונגען.

כדי צו געבען די מעגליכקייט דער בעפעלקערונג זיך צו פערזיכערן זיי-נען די אבצאהלונגען פון דער לעבענס פערזיכערונג פון 10 זל. א חודש.

נעניע; אינפארמאציעס ווערען ער-טיילט אויפ'ן ארט.

זשאק לעווי איז טשענ-סטאכאוו.

ווי מיר ווערען געמאלדען, וועט אין די יום-טוב טעג קומען אויף איין גאסט-ראל קיין טשענסטאכאוו דער בע-רימטער קינסטלער זשאק לעווי, וועל-כער האט זיך מיט זיינע ארויסטרעטען קונה שם געווען אויף דער יודישער ביהנע.

ערעפענונג פון באקסער-סעזאן.

זונטאג דעם 12 אקטאבער, 11 אזייגער פארמיטאג, קומען פאר אין זאל „פאנאראמע" גרויסע איניוגוראציאנס באקס-קאמפען ארגאניזירט דורך'ן יו-דישען טורן און ספארט-פעראיין.

א בריעף אין רעדאקציע.

חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

מיר בעטען געפעליגסט צו געבען פלאץ אין אייער ה. צייטונג פאר פאל-גענדע שורות:

אין דער „טשענסט. צייטונג" נר. 41 האט ה' ש. ניעמיראווסקי געשריבען א ארטיקעל וועגען דער שפאלטונג אין צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד וואו ער פערטייט'ס די צענטראלע און גיט געבראכט די שפאלטער.

מיר ערקלערען דערויף, אז ה' ש. ניעמיראווסקי האט, ווי עס וויזט אויס, געשעפט זיינע ידיעות פון דער צייטונג און פאקטיש איז ער נישט בעקאנט מיט די איינענטליכע סבות פון די געשעהענישען. אונזערע פער-שטעהער זיינען גענומען אנטהייל אויף דער זיצונג פון דער צענטראלע, ווי עס איז פארגעקומען דאס אויסשליסען די שפאלטער און זיי זיינען בעהאנדעלט געוועזען דער עצם זאך, ווי זי איז פאק-טיש פארגעקומען און זיי האבען אין אונזער נאמען צוזאמען מיט דער צענ-טראלע געשטימט אויסצושליסען די שפאלטער און צוגרעכער פון די האנד-ווערקער-מעסען.

דער ארויסטריט פון ה' ש. ניעמי-ראווסקי איז געווען א געפעלטער און נישט - טאקטישער אויף וועלכען מיר וועלען געבען א געהעריגען ענטפער אין קיגענזייטיגען נומער פון דער „טשענ-סטאכאווער צייטונג".

דאנקענדיג פאראויס, פערבלייבען מיר מיט אכטונג די פערוואלטונג פון יוד. האנדווערקער-פערבאנד אין פוילען, אפט. אין טשענסטאכאוו.

Szkoła koedukacyjna i przedszkole

z prawami szkół państwowych

ZOFJI WAJNSZTOKÒWNY

w CZĘSTOCHOWIE

zawiadamia, iż egzaminy systemem lekcyjnym trwają. Kancelarja szkoły (Piłsudskiego 13, II brama, II piętro) przyjmuje zgłoszenia do wszystkich klas (od A do 4-ej włącznie) i do przedszkola (od lat 3-ch).

Dla niezamożnych ulgi.

UWAGA: Ze świadectwem ukończenia szkoły — dzieci wstępują do 5-ej klasy gimnazjalnej.

קאנצעלאריע פון 10 אינדערפריה ביז 2.

צו די אינסטיטוציעס.

די אלע אינסטיטוציעס, פאר וועל-כע מיר האבען בעשטימט סליחים פון ר' ם נעלה, וואס די דירעקציע פון קי-נא „קאסינא" האט געשענקט אויף יום-טוב. ווערען געבעטען צו קומען אין רעדאקציע מיט די נויטיגע בע-שטעטיגונגען אבצונעמען דאס געלד.

צווישען בעל-הבית'שעם.

איך זאג איהם, רבותי, אז נאך קעני-מאל האב איך נישט געהאט אזעלכע וועש ווי יעצט פאר יום-טוב.

וואס חטפת?

גאר פשוט, שטענדיג האב איך גע-האט צו טהון מיט די וועשען וואס מען פלעגט מאכען אין די ימים-טובים צייט און יעדעס מאל האב איך גע-האט א פארגעניגען.

פארוואס?

ווייל כ'ניץ נישט קיין שום אנדערע ווייס נאר מיט'ן „פיש" פון דער היגער פירמע „רובאם און פישעל". וועלכע מען פארברויכט א האלבע ווי אנדערע און מיט איינמאל אויפווייקען איז די וועש קלאר ווי אלבאסטער.

גוט צו וויסען, כ'וועל סאקי אויך ניצען נאר אט די דאזיגע זייף.

טעאטער „אדעאן" אלעע 27, לעצטער סעאנס 9-30 אווענד ביליגערע פרייזען.

הערליכער יום-טוב פראגראם!

חוץ מאנטאג און מארגען דינסטאג צום לעצטען מאל די הערליכע ים-דראמא

SYGNAŁ WŚRÓD BURZY.

פון מיטוואך דעם 8 און ווייטערע טעג.

דער לאנג-ערווארטעטער פילם איבער פילמען!

Hadżi Murat

(BIAŁY SZATAN)

מאנומענטאלע פאעמע אויפ'ן גרונד פון אומאבהענגיגקייטס - קאמפען מיט רוסלאנד, לויט דער ערצעהלונג פון לעוו טאלסטאי

אין דער הויפט-ראל דער קעניג פון עקראן

איוואן מאזשוכין

און די צוויי פילם-שטערנס

ליל דאגאווער, בעטי אמאן.

אויף דער סצענע סענסאציאנעלער נייער פראגראם!

ניי - אנגעקומענע ארטיסטען פון דער ווארשאווער רעווי:

נינא אלטנסקא, רעה-רען, מ. מאנדראצקי א"א

„CASINO". די פרייזען זיינען ערנידריגט: אויפ'ן ערשטען סעאנס 1 זל. אויף די איבריגע — 1.20

לכבוד יום - טוב

פון מארגען דינסטאג

השכבסט - אינטערעסאנטער פילם א. ט.

Zdrada żon

אויף דער סצענע: די ניי-אנגאזשירטע וועלכע האבען מיט'ן 1 פראגראם שטארק אויסגענומען

וואצלאוו זדראנאוויטש, ניוטא באלסקא

און דער ערשטקלאסיגער באלעט „איראפא גירלס" פון 6 פערזאן.

נאוואשצי אלעע 12, לעצטער סעאנס 9-30 אווענד. היינט!

פון מאנטאג און ווייטערע טעג. עקראן און סצענע צוזאמען!

ריזיגער פילם מיט א שטארקער שפאנונג א. ג.

BLOKADA NA MORZU

ריזיגע דראמא וועלכע אילוסטרירט דעם אייביגען קאמף אויפ'ן ים.

אין די הויפט - ראלען:

א. נילסאן, וואלאס מאקדאנאלד.

אויף דער סצענע: ניי-אנגאזשירטער רעווי-אנסאמבל: מעפאליני? רוזינא יאבלאנסקא, ז. און ס. גארנאפ (באלעט-פארל).

וועגען שחט'ן עופות אין יום-טוב!

די קהלה-פערוואלטונג מאכט בעקאנט, אז דינסטאג דעם 1-טען טאג סוכות האלב 7 א זייגער אויפדערנאכט און מיטוואך דעם 2 טאג סוכות 6 א זייגער פריה וועלען אין שחט-הייזעל געשאכטען ווערען עופות. עס ווערט דערביי אויפמערקזאם געמאכט זיך צו פערזעהען פאר סוכות מיט שחיטה-קוויטלעך.